STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06629

TSVISHN KRANKE

Golde Gutman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

№ 136

גאָלדע קרימער

צווישן קראַנקע

בוענאָס איירעס 1937

טאטע, דאס בוך ווידמע איך

צו דיין ליכטיקן אנדענק.

איבערדרוקן אן דערלויבעניש פון מעכאבער שטרענג פארבאטן.

גאָלדע קרימער



איך ווער א קראנקע

האָט זיך אייך שוין געמאכט אראפצופאלן פון גאנץ הויך און פילן ווי עס פארכאפט אייך דער אטעם און עס קלעמט אייך אין א געוויסן ארט? מאמעש אזא געפיל האָב איך געהאט ווען איך האָב דעם ערשטן טראט אוועקגעשטעלט אין דער לאנגער שמאָלער שפּיטאָל סאלע פאר פרויען דארט צו פארבלייבן, ווער ווייסט ווי לאנג...

אייניקע קראנקע, פון די ערשטע בעטלעך, האָבן דערפילט זייער נייע שאכנטע, האָבן זיי אונטערגעהויבן די קעפּ פון די קישעלעך און מיר צוגעווארפן א פריינטלעכן בליק. אין זייער בליק האָב איך איבערגעלייענט: „וועסט זיך שוין צוגעוואוינען..." נאָר איך בין געווען צעטומלט, דערדריקט און מער ווי די פריינטלעכע בליקן פון די קראנקע, האָב איך געפילט א אומהיימלעכקייט אין דעם מאָרעשכווירעדיקן זאל מיט די פארמאכטע לאנגע פענצטער און בלויע שייבלעך און מיט די צוויי און פופציק פארגעלטע פּענימער וואס האָבן זיך אזוי מאָדנע אויסגעטיילט פון די ווייסע דעקעס אף זייערע שמאָלע בעטלעך.

מיין אינסטינקטיוון שטיין בלייבן, ווי מען בלייבט שטיין פאר א גרוב, האָבן די קראנקע, ווייסט אוים אויסגעטייטשט ווי א גייווע פון מיין זייט און האָבן זיך שנעל אויסגעדרייט צו מיר מיטן הינטן. ביי איינער אין די קרומע אויגן האָב איך אפילע איבערגעלייענט: „וועסט שוין בעסער ווערן... דאָ וועסטו קיין יאכסנטע ניט זיין...

באלד איז אריינגעקומען די „קאבא". א הויכע בלאָנדע פרוי מיט קליינע גרויע אויגן, א פרום פארשנירעוועט פּיסקל און א קלוג היפּאָקריטיש פּאנים. זי ווייזט מיר אן אף מיין נייער דירע, אף דעם בעטל, וואס איך דארף פארנעמען און פרעגט מיך דאָס ערשטע אף

מיין „נאַציאָנאַלידאַד"*). איך דערלאַנג איר די איינטריטס־פּאַפּירן.

— אהא! — וואַרפט זי מיר צו אַ שטעכיקן בליק און טראַגט אים באַלד איבער צו דער קראַנקער נעבן מיין בעטל — וועסט שוין האָבן אַ שכיינע — זאָגט זי צו איר און טוט דערביי אַ קוועטש מיט אַן אויגל.

יענע לאָזט אַראָפּ די אויגן און מאַכט זיך ניט וויסנדיק.

מיט פינף מינוט שפּעטער, איז אַריינגעקומען די „הייליקע" שוועסטער. זי איז גלייך צוגעקומען צו מיין בעט, האָט באַטראַכט דעם טאַוול און מיר צוגעוואָרפן אַ זיס, שניידנדיק שמייכעלע. אַזעלכע שמייכעלעך האָב איך געזען בא שטיפמוטערס ווען זיי צערטלען שטיפקינדער פאַר מענטשן אין די אויגן. — מען טאָר ניט זיצן אויף דעם בעט, אַזוי ווי דו זיצט... — זאָגט זי מיר און לויפט אַוועק. זי ברענגט מיר אַ געל גראָב נאַכט העמד מיט אַ לאַנגער פּאַזוכע, ווי די גראָבע לייוונטענע העמדער, וואָס בא אונדז אין בעסאַראַביע טראָגן די פּויערטעס. איך בעט בא איר דערלויבעניש צו טראָגן מיינע אייגענע וועש, נאָר זי שטייט צו און נעמט מיך איבערטאָן, זי פּוצט מיר אויס — טראַכט איך — ווי אַ קאַלע צו דער כופּע... דערנאָך דערלאַנגט זי מיר אַ בלעכענעם לעפל, אַ בלעכענעם גאָפּל און אַ מעסער אפילע אַ בלעכענעם. — היגיענישע טראַכט איך מיר — מוזן זיין אָפּגעריבן און פאַרזשאַווערט. דאָס טעפּעלע אויף מילך איז אויך אַ היגיעניש טעפּעלע... זי האָט צוגענומען מיינע קליידער און האָט מיך געוואָרנט: אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג...

ווי שווער מיר איז געווען ווען זי האָט צו מיר געשמייכלט און גערעדט, איז מיר נאָך שווערער געוואָרן ווען זי איז אַוועק. איך האָב איר אַ וואָרט ניט געקאָנט עטפערן און האָב ביישעק געהאַט אַהיימצולויפן צו מיינע צוויי קליינע זינדלעך, וואָס זיינען מיר פאַר די אויגן געשטאַנען. די דרויסנדיקע וועלט, מיט אַלע אירע פאַלשקייטן און נידערטרעכטיקייטן איז פאַר מיר געשטאַנען וואָנדערשיין.

איך האָב מיך אויסגעצויגן אויפן בעטל, פאַרלייגט די הענט אונ־

---

*) נאַציאָנאַליטעט

טערן קאָפּ און ניט אויפגעהערט קלערן פון מיינע שווערע לײדן, וואָס האָבן צו מיין האַרץ־פּעלער גוירעם געווען.

האַלב איינס האָט מיר איינע פון די קראַנקע צוגעבראַכט א טעפּל מילך און מיך געפרעגט צו וויל איך עפּעס עסן. איך האָב מיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון דער פאַרגאַנגענהייט וואָס האָט געשוועבט פאַר מיינע אויגן און איך האָב צו דער קראַנקער א ווייטן פרעמדן שמייכל געטון.

איינס אַזייגער האָט זיך די גאַנצע „סאַלע" א רודער געטון. א לעבן איז דורכגעלאָפן דעם זאַל, ווי דאָס לעבן וואָס דער נאַווי האָט געזען דורכלויפן די פאַרטריקנטע ביינער אין טאָל. די בעטלעך אַפּילע זיינען געוואָרן לייכט און טאַנצנדיק. קראַנקע האָבן זיך גענומען אַרויסרוקן פון זייערע „נעסטן", זיך אָפּוואַשן, פאַרפּודערט די געלגרינע, אַש־קאָלירטע פּנימער, פאַרקעמט די האָר און זיך אויפגעזעצט אין בעט, גרייט אויפצונעמען געסט.

דער שפּיטאָל־גלאָק האָט א טעמפּן קלונג געטון און צו עטלעכע מיטאָמאָל, האָבן באַזוכער זיך אַריינגעלאָזט אין זאַל אַריין. טייל באַזוכער פאַרייסן די קעפּ איבער די בעטלעך, צעשראָקן און ניט דרייסט און זוכן מיט די אויגן: צי האָבן זיי נאָך וועמען צו באַזוכן?... אַנדערע גייען טאַקע באַלד צוריק אַרויס, ווי זיי וואָלטן אַליין פון א קייווער זיך אַרויסגעכאַפּט. די מערסטע פאַרבלייבן און לעבעדיקע קווילעם צעטראָגן זיך איבערן זאַל. דערזען די נאָענטע און באַקאַנטע פון יענער זייט, פון דער לעבעדיקער וועלט, צינדט זיך אָן האָפענונג בא די קראַנקע אין די אויגן און פאַרב שטעלט זיך אין די באַקן. אַנדערע ווערן נערוועז אויפגערעגט, קריגן זיך מיט די באַזוכער. פאַראַן אַזעלכע וואָס צו זיי קומט שוין קיינער ניט אָדער מען איז צו זיי קיינמאָל ניט געקומען . זיי האָבן שוין זייער כאַזאָקע אין שפּיטאָל. פון זיי וועל איך שפּעטער דערציילן.

איך בין פון די וואָס ווערן אויפגעלעבט, האָפענונגספול און שמייכלען אויפגעלעגט. צום סאָף פונעם באַזוך ווער איך אַפילע באַרײדעווודיק און העלדיש: ס'איז מיר גאָרנישט... אין עטלעכע טעג אַרום פאַרלאָז איך דעם שפּיטאָל... נאָר, אָט ענדיקט זיך באַלד דער

באזוך און סיי מיין באזוכער, מיין מאן, סיי איך שמייכלען שוין געצוואונגען, אומגעראטן און נעבעכדיק.

שווער איז מיר דאָס דאָזיקע געצוואונגענע שמייכלען און איך ליין די שווערע סיטואציע גאַנץ פּאַשעט: איך בעט מיין מאַן ער זאָל מיך לאָזן אליין.

פּאַרטריבן פון גאַניידן

די געסט זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. ווידער איז שטיל און טרויעריק. אָבער נישט אַזוי פּיינלעך און געדריקט ווי פריער. די שוואַכערע, זיינען פאַרמאַטערט פונעם ריידן מיט די געסט, די פּרוכטן און די נאַשערייען וואָס מען האָט זיי געבראַכט, האָבן זיי אָפּגעגעבן צום באַהאַלטן און אליין זיך אַרונטערגערוקט אונטער די קאָלדרעס ציילן די שאָען ביז צו דעם נייעם באזוך פון זייערע ליבע.

די לייכטערע זיינען שנעל אַרוים אין גאָרטן. געבליבן זיינען אַ פּאָר אַרומגייענדיקע, וואָס זיינען צוגעגאַנגען צו די שוואַכע, וואָס האָבן זיך פון די בעטן ניט געקאָנט רירן און אויסגעפרעגט אין וואָס זיי נויטיקן זיך.

אַלע די קראַנקע וואָס זיינען פאַרבייגעגאַנגען מיין בעט, האָבן זיך צוגעבויגן און אַ קוק געטאָן אָפן טאַוול: אַ „רוסאַ"... אונאַ רוסאַ" — האָבן זיי זיך איבערגעשושקעט, נאָר אַזוי שאַרף, אַז איך האָב דאָס געהערט ווי מען וואָלט דאָס אויסגעשריגן. און ווידער איז פּוסט און שטיל און טרויעריק. אַזאַ שווערער אומעט האָט זיך אַוועקגעלעגט אין דער „סאַלע". איך האָב מיך בעשום אויפן ניט געקענט איבערגעבן דעם אומעט, וואָס האָט זיך יענעם טאָג פאַרלעגט אויף מיר און איך בין אַרויס אין גאָרטן.

דער הימל איז העל בלוי און לויטער. די זון בלענדט די

אויגן. די גלייכע רייע ארומגעשניטענע סאסנעלעך פראלן מיט יונגט און קראפט. פייגעלעך שפרינגען, צוויטשערן. א טייבעלע ווארקעט. די גרעסטע פּאַעטן האָב איך מיר א טראַכט געטאן, מוזן זיין שפיטאל קראנקע אָדער ארעסטאנטן.

דאָס אלץ האָט מיך אזוי צענומען, אז ווען איך וואלט זיך ניט געכאפּט, אז איך בין ניט אליין, וואלט איך דאס קליידל פאר־שטעקט אין גארטל און וואלט אוועק א טענצל איבערן גראז, ווי מיר פלעגן עס אמאָל טאן א כאפּטע מוידן אינעם וועלדל הינטער אונדזער בעסאראביש שטעטל...

עטלעכע מיידלעך פון מיין „סאלע”, האָב איך באמערקט, קוקן מיט אזא כויזעק אף מיר, אף מיין נארישער באגייסטערונג... און איך בין אוועק אליין ארומבלאָנקען איבערן גרויסן גארטן, אָט אזוי, האָב איך מיר געטראכט, ווערן באשאפן די אינדיווידואליסטן, די מעלאנכאָליקער, די איינזאמע טרוימער, מען פארטרייבט זיי מיט כויזעק... עפשער איז עס געזינטער פאר די וואס פארטרייבן, נאָר זיכער ניט פאר די פארטריבענע... זיי קענען שוין דערנאָך פאר זיך קיין מענטשן ניט אנקוקן...

ארום פיר איז שוין געווען, קומט צו מיר צו א דאר שמאָל גויקעלע, מיט קליינע ביטרע אויגעלעך און א שווארצע פארטריקנטע הויט אפן בייזן פּענימל: מען דארף פּרוואוון די היץ — האָט זי צו מיר אזוי מאָדנע א וואונק געטון, ווי זי וואלט געזאגט דערמיט: האָסט זיך דאָ צעלאָזט ווי בא דיין טאטן אין וויינגארטן... ,

פינף אזייגער האָט מען געגעבן וועטשערע: אביסל שיטערן זופּ, קארטאָפל און גרינס, צוויי צוויי־סענטיקע ברויטלעך און א טעפּעלע מילך, איך האָב אפילע דעם גאנצן טאג ניט געגעסן, נאָר צו דער וועטשערע האָב איך מיך ניט צוגערירט. איך האָב מיך געפילט באַ־ליידיקט, ווי מ'וואָלט מיך פונעם גאניידן פארטריבן, פון דעם בלי־ענדיקן גארטן, דורך עפּעס א בייזן גאָט אין דער געשטאלט פון דעם איינגעשרומפּענעם בייזן גויקעלע.

ווערטשערע אין שפּיטאָל

דער אוילעם איז פארטיפט אין דער אכילע. די „היגיענישע" בלעכענע לעפל קלאפּן און קריצן איבער די ניט ווייניקער „היגיענישע" אָפּגעקלאַפּטע עמאַלירטע טעפּעלעך, וואס דער פאַרזשאַווערטער אייזן ווייזט פון זיי ארויס זיין היגיענע פון ווער ווייסט וועלכע מיסטן. אנ־דערע קראנקע הויבן אויף די קעפּ, ס'איז עסן צייט. אין שפּיטאָל ווערט מען דיסציפּלינירט. נאָר דערפילט האָבן זיי דעם רייעך פונעם עסן און האָבן זיך אָפּגעקערט. אנדערע ווידער עסן און שוויצן און בעטן נאָך: „מאם אונא"*) — שרייען זיי און מען דערלאנגט זיי נאָך פון דעם טייערן מייכל... מען זשאַלעוועט ניט.

מיט מילך איז שוין אנדערש. בא דער מילך שפּילט זיך אָפּ די אומגערעכטיקייט פון אונדזער אָרדענונג אין מיניאטור: פאראן פּריווילעגירטע און פאראן באַאוולטע. די פּריווילעגירטע זיינען די כראָ־נישע, די טוישווים פונעם שפּיטאָל און די רעדלפירער. די, צי זיי דארפן די מילך צי ניט, האָבן זיי זי שטענדיק. באַאוולטע זיינען די קראנקע, וואס קענען עפּעס אנדערש א כוץ מילך ניט עסן. שטעלן זיך קענען זיי ניט, בלייבן זיי אומגעגעסן און פרעסן זיך אליין, נערן זיך מיט זייער פאַרדרוס און ווערן פאַרצערט. אזוי איז עס יעדן טאג.

אָפּגעגעסן ווערטשערע, צעלייגט מען זיך אין די בעטן, מען אָ־טעמט אָפּ. נאָר באלד קלייבט מען זיך צוזאמען, צו עטלעכע אָף איין בעט, יונג מיט יונג, אלט מיט אלט. א שטילער ראָמאַנטישער ניגון צעטראָגט זיך, א שפּאַניאָלקע צעגאָרגלט זיך כאַזאַניש אָף איר מע־צא סאפּראנא, א קריאזשע**) מיידל זינגט הייזעריק אן אומעטיקן

*) נאָך איינס

**) איינגעבוירענע

„טאַנגאָ" און יונגוואַרג הויבט זיך אַזש אונטער אויף די בעטן זיצנ־דיק.

איך בין נאָך אַ גרינע, אַ „גרינגאַ", איז צו מיר קיינער ניט צוגעקומען און איך האָב פאַרבראַכט די צייט קלערנדיק וועגן מיין ערשטן אוונטברויט, וואָס איך האָב געפּראַוועט אַליין, אין מיין הויז־געזינט.

לאָס כודיאָס*)

ביז אַכט אַזייגער האָט זיך דער אוילאַם גאַנץ גוט אונטער־געהאַלטן. געלאַכט, געפּילדערט, און דאַכט זיך, פאַרגעסן וואו מען געפינט זיך. נאָר אַז האָט מען אויסגעלאָשן די גרויסע עלעקטרישע לאַמפּן און שטרענג פאַרזאָגט מען זאָל שווייגן. ליגט מען אין דער פינצטער און מען „שווייגט". מען קרעכצט זיך אויס און מען הוסט זיך אויס פאַרן שלאָף. פון אַ שכיינעסדיק בעטל דערטראָגט זיך פון צייט צו צייט אַן אָפּגעריסן פאַרשטיקט געלעכטערל: עטלעכע שיקסלעך האָבן נאָך ניט פאַרענדיקט דערציילן זייערע ליבע אַוואַנטורעס... נאָר בּאַ די מערסטע קראַנקע אויף די פּענימער ליגט שוין די באַנאַכטיקע שרעק, וואָס גיט זיך אַן פאַר דער רו אונטער דער דיסציפּלין פון שפּיטאָל.

די נאַכט וועכטערן האָט זיך אַריינגעזעצט אינעם וויג־שטול און פּלוידערט מיט אַ פּאָר פּראַטעזשירטע קראַנקע און אויף די בעטלעך ליגן און צווינגען זיך צו רו, די וואָס האָבן ערשט זיך אויסגעקרעכצט און אויסגעהוסט און געוואָרפן זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער. עס מישט זיך אויס מיין אייגענער אַנגסט מיט זייערער. אויך איך צווינג מיך צו שלאָפן און קען ניט.

---

*) די אידן

איך קוק אפן גרויסן וואנט זייגער און אף יעזוסעס בילד, וואס איז צופוסנס מיין בעט געהאנגען. איך קוק אף זיין ליידנדיק אידיש פאנעם און עס טוט מיר ווי וואס איך בין ניט א קאטוליקערן און קען מיך ניט אויסוויינען פאר אים, ווי ס'האבן געטון מיינע קריסטלעכע שאכנטעס. פאראן שוואכע מאמענטן בא א מענטשן ווען ער וויל אין עמיצן גלויבן, אין עמיצן זיך איינטוליען, אין עמיצן אזעלכן וואס זאל מיטפילן און מיטליידן. צום גליק האט מען מיך געלערנט די שוואכע מאמענטן גוויוער צו זיין. איך ווארף איבער מיין געדאנק אף דער רעאלער וועלט און איך פאסקן מיר אפ: „פאראן שענערע ווייב־לעך, וואס האבן פארענדיקט זייער לעבן אין שפיטאל”... „וואס פיע־שטשעסטו זיך אזוי, דו בעסאראבער שיקסע, האסטו ניט געזאלט פאטערן ס'געזונט בא שניידעריי.. האסטו באצייטנס געזאלט אפהאקן דאס אומגעזונטע אידענע לעבן.

בא אט די געדאנקען, האב איך צוויי אזייגער באנאכט גע־כאפט דעם ערשטן דרימל.

עס גייט ניט אוועק קיין צען מינוט, ווי איך דערהער א שארפן א שניידנדיקן קוויטש: לאס כודיאס! כודיאס!” אז איך בין שיר פון בעט ניט אראפגעפאלן.

די קראנקע האבן זיך פון אנהויב איבערגעווארפן, זיך געבייזערט, געשיקט עמיצן צום טייוול און ווידער אנטשלאפן געווארן. נאר אז די קוילעס זיינען געווארן אלץ אפטער, שניידנדיקער און ווילדער, האט די נאכט־וועכטערן געמאכט ליכטיק, איז צוגעגאנגען צום זעקסטן בעט און אנגעהויבן בעטן: „זעקס, שווייג שטיל, בארואיק דיך, זעסט ניט, אז דו וועקסט אויף צוויי און פופציק קראנקע?” נאר די זעקס לאזט זיך ניט ריידן און שרייט אירס: „איר זיינט כודי־אס! איר ווילט מיך אומברענגען! הארגעט מיך ניט! לאזט מיך ניט שטארבן אן ווידע!”

לאנג האט די נאכט וועכטערן געבעטן זי זאל זיין שטיל און אז ס'האט ניט געהאלפן, האט זי אריינגערופן א פראקטיקאנט. מען האט איר געמאכט אן איינשפריצונג. זי האט זיך נאך א ביסל געווארפן, געכארכלט ווי א ניט דערקוילעט הינדל און צום סאף איינגעשלאפן.

די נאכט־וועכטערן, א יונג סימפּאַטיש מיידל, מיט שוואַר־צע גוטמוטיקע אויגן, האָט צו מיר א לאַך געטון: „שרעק זיך ניט — זאגט זי צו מיר — ס'טזיך צוגעוואוינען צו דער דאָניא מאנועלאַס אַנפאַלן"...

איר וואַרימער בליק האָט באַלד געשאַפן צווישן אונדז א היי־מישקייט, וואס איך האָב באַלד אויסגענוצט אף צו דערוויסן זיך פאַר־וואס די דאָניא מאַנועלאַ איז אזוי בייז אף די אידן...

דאָניאַ מאַנועלאַ

— ווער איז דאָניא מאַנועלאַ? — האָב איך זיך שטיל גע־פרעגט.

דאָס מיידל האָט זיך א ווײַלע געאַישעוועט, ווי זי וואָלט פאַר עפּעס מוירע געהאַט. דערנאָך האָט זי מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט און מיר געקוקט גלייך אין די אויגן.

— האָב ניט מוירע — זאג איך כ'וועל קיינעם ניט דער־ציילן...

— ס'איז ניט קיין סאד — ענטפערט זי מיר — אַלע קראַנקע ווייסן עס, נאָר כ'וויל ניט, אז... — האָט זי ניט פאַרענדיקט די פראַ־זע און ווידער מיך קלוג געפאָרשט. זי האָט זיך צום סאָף אוועק־געזעצט אפן בענקל, וואס איז נעבן מיין בעט געשטאַנען, האָט אָנגע־שפּאַרט די גאָמבע אף אירע דלאָניעס האָט זיך צוגעבויגן צו מיר און שטיל פאַרזיכטיק אָנגעהויבן דערציילן:

„דאָניאַ מאַנועלאַ איז אן אַלטע שפּאַניערקע. לויט די לאַנדס־לייט, וואס זיינען צו איר געקומען אף באַזוך, האָט מען גלייך דער־זען אז זי איז פון דער העכערער געזעלשאַפט. אין איר ציכטיקייט און איבערקלויבערישקייט האָט מען אויך געזען, אז זי איז צו קיין שלעכטס ניט געוואוינט. די ערשטע צייט פלעגט צו איר קומען א

טאָכטער, אַן איינאונאיינציקע טאָכטער אין די רייכסטע קליידער פאַר־פּוצט און געזעסן נעבן איר גאַנצע טעג: געבאָדן זי, געוואַשן און זיך פּאַשעט מאַקריוו געווען. ס'איז אַוועק אַ פּאָר וואכן, האָט די טאָכ־טער אויפגעהערט צו קומען. די מוטער האָט זיך עם געגומען צום האַרצן און איז געריכט געוואָרן פונעם זינען.

— איז וואו איז די טאָכטער? — פרעג איך שוין נייגעריק — און פאַרוואס האָט מען זי געבראַכט אַהער, אויב זי איז אַ פאַרמעג־לעכע?

— אָט דאָס איז די מייסע, — זאָגט זי. — דערוואוסט האָט מען זיך עם נאָכדעם פון אירע לאַנדסלייט. זיי האָבן דערציילט, אַז דאָניאַ מאַנועלאַ האָט איר איינציקער טאָכטער אַ לאַנגע צייט געשטערט באַסענע האָבן מיט איר איצטיקן מאַן און אַז די טאָכטער האָט שוין באַסענע געהאַט, האָט די מוטער איר שטענדיק געיאַדעט, אַז מיט איר געלט, האָט זי געקענט טון אַ בעסערן שידעך. און אַז די מוטער איז קראַנק געוואָרן, האָט דער איידעם זיך איינגעשפּאַרט, אַז די קראַנ־קייט אירע איז אַן אַנשטעקנדיקע און ער האָט זי, אוים נעקאָמע אַרויס־געוואָרפן פון שטוב. די טאָכטער האָט עס ניט איבערגעטראָגן און איז אַראָפּ פון זינען. זי ליגט ערגעץ אין אַ סאַנאַטאָריע און שרייט מיט־טאָמע, ווי די מוטער: „די כודיאָס"!

— יאָ — זאָג איך — אָבער וואָס זיינען שולדיק די „כור־דיאָס"?

גיט זי מיר צו פאַרשטיין: זי איז אַ גרויסע צייל־עמניצע און אין קלויסטער האָט זי געהערט אַז די כודיאָס זיינען די ערגסטע מענטשן, האָט זי זיך איינגערעדט אַז מיר האַלטן זי דאָ אַף צו פּייניקן און אַף צו קרייציקן ווי די אידן האָבן געקרייצט יעזוסן. אַז ס'באַפאַלט איר דאָס מעשוגאַעס, שרייט זי : „כודיאָס"!

האַלטן האַלט מען זי דאָ, ווייל אין מעשוגאַאים הויז איז קיין פּלאַץ ניטאָ. זי איז פּאַראַליזירט — האָט זי מיר איינגערוימט אין אויער — און וועט מיסטאָמע אינגיכן אָפּליידיקן דאָס פּלאַץ.

איך האָב דער נאָכטוועכטערן געדאַנקט און טאַקע דעמאָלט האָב איך פאַרטראַכט אַרויסצופירן אַפן פּאַפּיר אַ גאַלעריע פאַרשוינען

און געשעעניש פונעם שפיטאָל, וואָס איך טו דאָ איצט אָנהויבנדיק פון דאָניאַ מאַנועלאַ.

פאַרגעבונג און זינד

אין שלאָף צו מיר האָט זיך אריינגעריסן א פיינלעך טפילע געזאנג. א שטיל געזאנג, וואס האָט דאָך געשריגן און געמאָנט און פאר מיינע פארמאכטע אויגן אוועקגעשטעלט א געדיכטע שיין פון וואקסענע ליכט, די שיין פון יענע ליכט איבער וועלכע מיין מאמע האָט געבענטשט איינמאָל אין יאָר נאָר, צו קאָל נידרע, און וואס אין מיין פאַרשטעלונג שטייט אזא שיין קעסיידער אין די קלויסטערס.

דאָס שטיל שרייענדיקע געזאנג און די געדעמפטע שיין פון מיין פאַרשטעלונג ציען מיך אריין ערגעץ אין דער טיפעניש ווי א טשאד. נאָר א געפיל פון זעלבסט פארהיטונג הייסט מיר ווידער־שטיין, זיך נישט לאָזן אריינציען. איך מאך א לעצטע אָנשטרענ־גונג און גיב מיך א זעץ אויף אפן בעטל.

אינדערמיט זאָל אף די קניען פאר יעזוסעס בילד, די הענט פאַרלייגטע אפן הארצן, האָט די „הייליקע שוועסטער" פרום געדאווונט און פון די בעטן האָבן די קראנקע געווענדט זייערע בליקן צום בילד און איר נאָכגעזאגט מאריא! — גיבן זיי יעדן מאָל א שטיל פיינלעך געשריי — בעט פאר אונדז, ווי מיר פאר דיר! מאריא! סאַן ראָקע! סאן כאָסע! בעט פאר אונדז, ווי מיר פאר דיר..."

אונטער דער קאָלדרע האָב איך געפילט אף זיך די ווירקונג פון דעם טפילע טשאד, ווי מען וואָלט מיר איינגעגעבן א נארקאָטיש מיטל, און איך האָב מיך דערמאָנט אין דער אויפשריפט וואס לע־נין האָט אויפגעהאנגען אף די רוסישע קירכעס: „רעליגיע איז אָפּיום

פארן פאָלק". ווי ריכטיק! נישט נאָר אין אידייאישן זין ריכטיק, נאָר אויך פיזיש, אינעם פּאָשעטסטן זין פונעם ווארט...

אָט די געדאנקען פארבינדונג אליין איז גענוג געווען מיך אויס־צוניכטערן נאָר טאָמער איז דאָס קארג געווען, האָבן דאָס איבעריקע אויסגעניכטערט די דאוונערקעס אליין.

מיין בעטל האָט זיך פּלוצים אַ האסטיקן טרייסל געטון, ווי פון אַ ערד ציטערניש. איך שטעק אפיר דעם קאָפּ פון אונטער דער קאָלדרע און דערזע פאר זיך אַ בעהיימיש פּאנים אַן אויסדרוק, פון אַ הויכער דיקער שפּאניערקע.

— פּריצעטע, מאכט אייך ס'בעט — גיט זי אַף מיר אַ געש־ריי.

איך קוק זי אָן און ווייס ניט פארוואס מיר קומט צו באַ־ליידיקן.

מיין צעטומלטקייט און מיין רויט ווערן האָבן איר אפּאנים געבראכט אפן געדאנק, אַז איך בין דאָ אַ נייע און בין נאָך נישט באַ־קאנט מיט די ארטיקע פּירונגען.

זי ווערט ווייכער און זאגט צו מיר: ביסט אפּאנים ס'ערשטע מאָל דאָ, זאָלסטו וויסן, אַז זיבן אַזייגער דארף שוין ס'בעט זיין אין אָרדענונג און ביז די דאָקטוירים גייען נישט אוועק, טאר מען אין גארטן ניט ארויסגיין...

איך האָב איר לעצטע ווארענונג, דעם עמעם געזאגט, ניט פאר־שטאנען. אלנפאלס, האָב איך ניט כווישעד געווען, אַז אויוועך זיין אַף דעם פארזאג, איז אַזא גרויס פארברעכן. און דאָך, ווי איך האָב מיך שפּעטער דערוואוסט, איז גיין אין גארטן ניט אין דער דערלויבטער צייט און ווייטער פון דער דערלויבטער גרענעץ שיר ניט איינע פון די זיבן הויפּט־זינד אין דער דאָזיקער קריסטלעכער מעלוכע.

די ערשטע האָט עס מיר געגעבן צו דערפילן די „קאבא" (די פעלדפעבלקע). זי נעמט אפּאנים, איר פעלדפעבלשן טשין גאנץ אין ערנסט. זי קומט אריין מיט אַ פעסטן זעלנעריש מאיעסטעטישן טראט, מיט אַ פעלדפעבלשן ערנסט אפן פּאָנים און גיט קוים אַ שאָקל מיטן קאָפּ, וואס דארף באטייטן אַ גוט מאָרגן. מיין בעטל איז דאָס ערש־

טע ביים ארייננאַנג. גיט זי מיר א וואָרף צו דעם טערמאָמעטער און דערביי וואַרפט זי מיר אויך צו אַזא שפּיציקן בליק, אַז איך האָב באַלד דערפילט, אַז עפּעס אַזוינס האָב איך באַגאַנגען נישט גוטס, כאָטשע איך האָב ניט געוואוסט וואָס. פאַרלעגן און באַליידיקט, פּרוּאוו איך מיך דערמאָנען, וואָס פאַר א זינד איך בין באַגאַנגען פאַר די צוואַנציק שאָ וואָס איך געפין זיך דאָ, א כוץ דער זינד פון ניט מיט־דאַוונען מיט דער הייליקער שוועסטער, און האָב מיך ניט געקאָנט דערמאָנען.

דערוויַן קומט אַריין די „הייליקע שוועסטער" און אויך זי שטעלט אַן אויף מיר א פּאָר שטעכיקע, דורכדרינגלעכע בליקן און פאָרשט מיך לאַנג איך קוק איר גלייך אין די אויגן און טראַכט מיר: עמיצער פון אונדז ביידן וועט דאָך סאַפּקאַלסאַף די אויגן אַראָפּלאָזן...

— וואו ביסטו געבטן געווען אַזוי לאַנג? — פרעגט זי מיך שטיל און ערנסט.

— וואָס הייסט? — לאָז איך פון איר די אויגן ניט אַראָפּ.

— ביזט געבטן אַרומגעגאַנגען אין גאָרטן... וואָס האָסטו דאָרט געטון?

„דיין קאָל האָב איך געהערט אינעם גאָרטן און האָב מיך אויס־באַהאַלטן"... קומט מיר אָף דער צונג דער ענטפער פון אָדעמען ווען גאָט נעמט אים אָפּן ציטבל נאָך כאַוועס זינד. נאָר איך האַלט מיך איין און דערצייל איר פּאַשעט דעם עמעס, אַז איך בין געווען געדריקט און בין אויך ניט געווען די איינציקע אין גאָרטן.

— גוט — זאָגט זי מיר — אַרויסגיין איז נאָך פאַרגעבלעך, נאָר דו ביסט פאַרגאַנגען צו וויַיט... דאָ זיינען פאַראַן מענער!... מען טאָר ניט! ס'איז א זינד!...

און באַלד הייסט זי מיר אויסטאָן מיין געבלימטן קימאָנאָ, וואָס מיין זינדיקע פרויען נעשאָמע האָט אַזוי קאָקעטירט אין איר און זיך ערשט געקליבן קאָקעטירן פאַר די שפּיטאָל דאָקטוירים, און טוט מיר ווידער אָן דאָס גראָבע לייוונטענע העמד, וואָס איצט דערמאָנט עס מיר שוין ניט די היימיש געשפּונענע העמדער פון די דאָרפישע וואָ־

לעכטעס, נאָך די פייניקונגס העמדער פון די פארצייטיקע קריסטלע־כע אסקעטן. און נאָך מער ווי נעכטן, רייבט עס מיר דאָס לייב ווי א ריב־אייזן....

מעדיציניש̈ע אונטערזוכונג

דער זייגער איז שוין ניין. באלד וועט זיין די אונטערזו־כונג...

ווי אן ערשטע שוואלב פונעם מעדיצינישן פערזאָנאל, פליט אריין א לאנגער דארער באָכער מיט קורצזיכטיקע אויגן, מיט ברילן אין גאָלדענע רעמלעך אף דער לאנגער רויטער נאָז, די פאָלעס פון זיין ווייסן כאלאט צעפלויגן און דער קראוואט פארדרייט אף א זייט. א פראקטיקאנט. ער לויפט פון איין בעטל צום צווייטן. בא די ערשט אינטערנירטע שטעלט ער זיך אפ לענגער, פארקנייטשט דעם שטערן, מאכט א מינע פון א מיוון, טאפט, זוכט פרעגט אוים אלע איינצעלהייטן, גיט עפעס א בורטשע זיך אונטער דער נאז, לויפט ווייטער איבער דער גאנצער לענג פון דעם זאל, הין און צוריק.

נאָך דעם ערשטן קומט אריין א צווייטער, שוין א מער געלא־סענער. ער האלט פארלייגט די הענט אפן בויך און שפאנט לענגאוים דעם זאל, ער קוקט אף די טאוולען, פרעגט אוים די קראנקע וואס פאר א מעדיצין זיי נעמען, גיט א שאָקל מיטן קאָפ: „מוי ביען״*) און הייסט נעמען ווייטער דאָס אייגענע: רעפיטע!״

נאָך דעם צווייטן קומט א דריטער, דער איז א הויכער, א פעסט געבויטער, מיט א גרוים געשטופלט פאנים און גרויע לאכנדי־קע אויגן. ער לויפט אריין ווי א מעשוגענער און כאפט זיך צוערשט

---

*) זייער גיט

איבערקוקן די רעפּועס, וואָס דער פּריערדיקער האָט שוין געהייסן נע־מען נאָכאמאָל: „סאָן נעגאַטיוואָס!" צעשרייט ער זיך צו זיך אַליין — זיי ווירקן הייסט עס, פּונקט פאַרקערט. און ער פאַרשרייבט גלייך אַנדערע.

א קראַנקע פּרוּווט זיך זאָגן אים, אַז יענער דאָקטער, דער פּריערדיקער האָט געהייסן „רעפּעטירן". ער לאָזט איר ניט אויסריידן און שרייט אָן אַף איר: „קאַזשאַטע לאַ באָקאַ!" פאַרמאַך ס'מויל הייסט עס און אַוועק, גיי זוך אים...

עפּשער צוואַנציק קומען זיי אַזוי צו, איינער נאָכן צווייטן. און די קראַנקע, זיי מוזן יעדן איינעם פון זיי אויפנעמען ווי דעם גרעסטן מומכע.

ערשט אַרום צען, קומט דער הויפּט דאָקטער. דער איז אַ טונ־קעלער, אַ שלאַנקער, אויך אַ נערוועזער, אָבער, ער איז געצוימט באַ־שיידן, זעט אויס קעגן די פּריערדיקע, ווי דער געזעצטער „רעפּערי" צווישן אַ כאַפּטע צעפּלאַמטע נערוועזע פוטבאָל שפּילער. אין זיין אָנ־וועזנהייט, באַמיען זיי זיך צו זיין סטאַטעטשנע, זיי גייען אים נאָך, די עלטערע טאַפּן דעם דויפּעק באַ די קראַנקע, באַטראַכטן, הערן זיך איין געוויסנהאַפטיק צום האַרצן, צו די פּלייצעס.

דער הויפּט דאָקטער מאַכט עס געוויסנהאַפּטיק און... שנעל. אין פופצן מינוט פאַרטיקט ער אָפּ צוויי און פופציק ווייבער.

איינע אַ קראַנקע קלאָגט זיך שטאַרק אַף די ווייטיקן אין פּלייי־צע און צעוויינט זיך אַזש. פאַרן אַוועקגיין, רופט צו דער דאָקטער די „קאַבאַ" און הייסט איר מאַכן דער קראַנקער עטלעכע גוטע איינרייי־בונגען. די „קאַבאַ" פאָלגט אויס, זי האַלט פון דיסציפּלין: זי שיקט צו דער קראַנקער אַ שטיקל וואַטע איינגענעצט אין שפּירט, זי זאָל זיך אַליין איינרייבן די פּלייצע...

„פּרעטענציעזע"

די דאָקטוירים זיינען נאָך די שוועל ניט אריבער, ווערט צווישן די קראַנקע אַן איבערווינקעניש. די געלע אויסגעצויגענע פּענימער ווערן נאָך מער אויסגעצויגענער און די מאַטע האַלב אויסגעלאָשענע אויגן, קריגן אַ שאַרפן קרענקלעכן גלאַנץ. דאָס איבערווינקעניש באַטייט: זעט, מען פאַרשרייבט אונדז רעפּועס, די דאָקטוירים ווילן אונדז היילן, געזונט מאַכן, פאַרלייכטערן אונדז די ליידן, און אָט די ראשאַאים גיבן ניט...

און אזוי איז עס טאַקע. דער דאָקטער פאַרשרייבט אַן אריימער קראַנקע אַ פּושקע נאָדלען צי אַן אויסלענדישן טאָניק פון די אומזיסטע מוסטערן, וואָס דער שפּיטאָל באַקומט. נאָר די נאָדלען, ווי דער טאָניק זיינען שוין לאַנג נישטאָ. די „צוגעשריבענע" דאָקטוירים, וואָס קומען יעדן פרימאָרגן טאַפּן דעם דויפעק בא די קראַנקע, האָבן זיי צעשלעפּט פאַר זייערע היימישע פּאַציענטן אָדער די „פעלדפּעבלקע" האָט זיי צוגענומען.

ריידן אָבער קען מען ניט. ווארים אַז מען רעדט, קען מען נאָך איינגאַנצן ארויספליען. מען איז בא דער „קאַבאַ" אין די הענט.

איינע האַלט ניט אויס און גיט אַ זאָג: זי וועט מאָרגן זאָגן דעם דאָקטער... ער האָט איר נאָך צוריק מיט צוויי כאַדאָשים פאַרשריבן אַ מעדיצין און געהייסן איר געבן... וואָס וועט זי דאָ אויסליגן!... אַנדערע שאָקלען צו מיט דעם קאָפּ און קוקן זיך אום צו די „קאַבאַ" אָדער די „הייליקע שוועסטער" קומט ניט אריין, צי איינע פון די אַפּטראַגערנס, אַלטגעזעסענע, איינגעבירגערטע קראַנקע, וואָס קויפן זייער בירגערשאַפט פאַרן פרייז פון מעסירע. ס'איז שוין בא זיי קיין נייעס ניט: מען האָט די טעג ערשט איינע אַ געפערלעך קראַנקע פאַר אַזאַ כעט ארויסגעיאָגט... מען האָט געדאַרפט האָבן דאָס בעט

פאר אן ערגער קראנקער... און אז זי האט זי ניט געקאנט אנטון, האט מען איר שוין צוגעהאלפן... און מען האט זיך באפרייט פון דער „פרע־טענציעזער”.

היטן זיך דעריבער די מערסטע קראנקע און אנשטאט צו מא־נען און צו דערמאנען קוקן זיי צו די דאקטוירים מיט פייכטע בעטנדי־קע בליקן, וואס אז דער דאקטער וויל, פארשטייט ער אים דעם בליק, און אז ניט, לויפט ער דורך און לאזט איבער נאך זיך בא דער קראנ־קער אנשטאט דעם בעטנדיקן בליק, א בליק פון האס, ניט ווי צו איר היילער און אויסלייזער, נאר ווי צו איר מאלעך האמאוועס...

ראמעא און זשוליעטע אין שפיטאל

די דאקטוירים זיינען נאר אוועק, האב איך מיך ארויסגע־כאפט פון דער סאלע, ווי פון א טפיסע.

די ליכטיקע זון די פרישע לופט — גישט יענע פארדומפּענע לופט, וואס אין סאלע — א אידיש בוך, וואס האט די גאנצע צייט געוואונקען צו מיר פונעם נאכט טישל אראפ אין מיין געליבטע קימא־נא, וואס דער דאקטער האט מיר דערלויבט צו טראגן ווען נאר איך וויל, אט דאס ביסל קלייניקייטן, וואס אן אנדערש מאל וואלט איך זיך אף זיי נישט ארומגעקוקט, האבן מיך איצט דערהויבן ביזן זיבעטן הימל.

א צופרידענע בין איך אונטער א שאטן בוים געזעסן און געש־לונגען די שורעס פונעם בוך ווי א יונג פארליבט מיידל די קאמפלע־מענטן פון א שיינעם ראמאנטישן באכער. אינמיטן דערהער איך א שושקעריי צווישן די בוימער. איך הויב אויף די אויגן, עטלעכע יונ־גע שיקסעס פון מיין סאלע רופן אן דעם נומער פון מיין בעט און איי־נע פון זיי, א גאליענע מיט א פאריסן נעזל און לאנגע ארויסגעש־

טאַרצטע ציין אין איר ברייטן מויל, לענט צו: „עס מוי אינטעליבענטע עסטא רוסאַ"! זי איז זייער אינטעליגענט, הייסט עס, די דאָזיקע רו־סישע... די איבעריקע שטרעקן די העלדזער און קוקן אַף מיר. צום סאָף נעמט זי צונויף אין א רעדל. א באַראַטונג, זעט עס אויס, צי איז די גאַליעגאַ א מיוון אָדער נישט...

איין מיידל נאָר איז שטיין געבליבן באַזונדער. זי האָט לאַנג צו מיר געקוקט, דערנאָך פאַרבייגעשפּאַצירט. מיר איז קלאָר געוואָרן אַז זי וואַרט איך זאָל איר צורופן. איך קוק אַף איר קורצגעוויקסיקן פולן קערפּער, איר רונד, שוין צו ווייס פּנים מיט פלאַמיקע בעקלעך און פליישיקע עטוואָס צוגעפּאַרבטע ליפּלעך... אַז זי האָט געזען, איך קוק אַף איר, האָט זי זיך אַנגעכאַפּט אַן דער געלעגנהייט און פאַרלעגן א שמייכל געטון צו מיר. זי האָט ניט געוואַרט אַף מיין ענטפער און איז באַלד צוגעגאַנגען צו מיר.

דאָס ערשטע כאַפּט זי א קוק אין אַפענעם בוך און גיט זיך באַלד א כאַפּ פאַרן קאָפּ: ווי מאָדנע! ס'אַרא פאַרדרייטע אויסיעס! ס'האָט א פּאָנים ווי טערקיש.. .ניין, דערקלער איך איר. ס'איז אי־דיש. — אַזוי גאָר! — יאָ, ענטפער איך און פּרוּוו זיך פאַרטיפן אין לייענען. זי האָט אָבער גאָר קיין כיישעק ניט אַוועקצוגיין פון מיין באַנק...

— איך ווייס — פאַרפירט זי מיט מיר א שמועס — ביסט ערשט נעכטן אַריינגעקומען....

איך קוק זי אַן פאַרוואונדערט. דאַכט מיר, אַז ביים אַריינקו־מען אין סאַלע, האָב איך געזען אַלע קראַנקע, נאָר זי געדענק איך נישט, עפּשער דערפאַר ווייל זי האָט ניט אויסגעזען ווי א קראַנ־קע.

— דאָ — זאָגט זי מיר — אַז ס'קומט אַריין א נייע קראַנקע, ווייסן באַלד אַלע... מען ווייסט אפילע אַז דו ביסט א רוסאַ.. ביסט נישט ברויגעז — כאַפּט זי זיך — וואָס איך האָב דיר געזאָגט „רוסאַ"?

— ניין — זאָג איך — איך בין דאָך עס.

די אויפריכטיקייט אין מיין טאָן האָט איר דערמוטיקט און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר אַף דער באַנק.

— אף וואס ליידסטו? — פרעג איך זי. זי טוט א זיפץ, קוקט אראפ אף דער ערד, דערנאָך הויבט זי אויף צו מיר אירע בלויע נאַ־איווע און אביסל צעשראָקענע בליקן און קוקט מיר לאַנג אין די אויגן. דערנאָך גיט זי א פרעג, אנשטאָט מיר צו ענטפערן:

— און אף וואס ליידסטו?

דאָס צוואַנציק יאריקע מיידל איז שוין געווען שטארק פארסאמט מיט דעם אומצוטרוי, וואס דאָס שפּיטאָל לעבן קולטיווירט אזוי.

— איך לייד אפן הארצן. — זאג איך און זי טוט ווייטער א זיפץ: — און איך... אף די... לו...נגען.

זי האָט דאָס קוים ארויסגערעדט און מיט א ווייטיק זיך פאר־קוקט אין דער טיפער ווייטקייט.

איך נעם זי אן פאר א האנט און וועק זי אויף פון איר פיינלע־כער פארקלערטקייט. זי ווערט דערשראקן.

— האָסט שוין אויך מוירע צו ריידן מיט מיר?... זיי האָבן דיך שוין אויך ארייננגענומען אין זייער בינטל?...

איך האָב פארשטאנען, אז דאָס מיידל איז שטארק פארוויי־טיקט און מער ווי אלץ, פון דער באציאונג צו איר.

— ניין — זאג איך איר — איך האָב ניט מוירע, ווייל... גאָט שיקט די קרענק ועמען ער וויל...

— יאָ, יאָ, — כאפּט זי זיך אן אין מיינע ווערטער, ווי זי וואלט זיי שוין ניט געוואלט אפלאזן און די אויגן ווערן איר פול מיט לי־בע און דאנקבארקייט צו מיר. זעסט, יענע, וואס זיינען נאָר וואס געש־טאנען הינטער די בוימער, זיי רופן מיך טובערקולאָסא, זיי קערן זיך אפּ פון מיר, זיי היטן זיך אפ פון מיר ווי פון א פעסט און דו —גיט זי צו — האלטסט מיך גאר פאר די הענט...

— נו, ערגער זיך נישט — זאג איך איר — די קראנקייט היילט מען אויס...

— נישט עמעס !— זאגט זי מיט א טרויעריק רעזיגנירטן טאָן.

איך מאך מיך וואוילינגעריש און פרואוו לאכן פון איר. אָט זיי — ווייזט זי מיר אף די שיקסלעך — וואס בריקעווען

אפן גראָז ווי די ווילדע לאָשעקלעך, זיי זאָגן אז פון טובערקולאָז אף די לונגען מוז מען שטאַרבן...

— עס הויבט זיך גארניט אָן — זאָג איך איר ווי אַן אויטאָ־ריטעט — איך האָב אויך אַמאָל געליטן אף די לונגען...

— וואָס דו? — איז דאָס מיידל אויפגעשפרונגען פונעם אָרט.

— יאָ, איך!

— און דו האָסט זיך אויסגעהיילט?

— יאָ.

— טאַקע אף אַן עמעס? — נעמט זי מיך פאַרשן.

— נאַרעלע, צו וואָס זאָל איך דיר נאַרן? עס קומט מיר עפּעס אַרוים דערפון?

— אָט א גליק! — שאָקלט זי מיטן קאָפּ און נעמט פון מיר קיין אויג ניט אַראָפּ. — זאָג מיר און דו האָסט כאַסענע געהאַט?

— יאָ!

— האָסטו הייסט עס א מאַן!...

— און קינדערלעך אויך זאָג איך.

— סאַרא גליק! סאַרא גליק.. זאָג מיר דעם עמעס אזא מיידל ווי איך וועל אַמאָל קענען קריגן א מאַן?...

ווען איך בין א מאַנסביל, פאַרליב איך זיך אין דיר... דו שפּאַסט זאָגט זי באַלד פאַרשעמט און גיט שווין צו: — וואָזשע איך בין דען א שיינע?...

— ביסט שענער פון אַלע מיידלעך, וואָס זיינען נאָר וואָס גע־שטאַנען הינטערן בוים. — זאָג איך איר. און דאָס מאָל האָב איך גאָר קיין ליגן נישט געזאָגט.

פּלוצים האָט זי פאַרלייגט ביידע הענט אפן האַרצן און האָט פאַריסן דעם קאָפּ צום הימל. אירע פולע ליפּלעך האָבן זיך עטוואָס צעעפנט, ווי א רייף בלימל אונטער דער פרימאָרגן זון.

איך מיין אז דאָס בעט זי אָדער זי דאַנקט גאָט. נאָר פּלו־צים גיט זי א שפּאַן פאַרויס און גיט א שטעל אַרויף דעם רעכטן פוס אף א קליין צוזאַמענקעקנייטשט שטיקל פּאַפּיר איך טו א קוק אַרויף:

א יונגער בלייכער באכער מיט קוילן שווארצע אויגן און שווארצע קודלאטע האר, האלט אריבערגעבויגן זיין אויבערשטן טייל קערפער אינעם אפענעם פענצטער פון זיין סאלע...

באמערקט אז איך קוק, האט ער איר צוגעשיקט א לופט־קוש און האט גיך פארמאכט דאס פענצטער.

— אך, דו קלאווטע איינע! — טראכט איך מיר — אט דערפאר האסטו ניט געוואלט אפטרעטן פון מיר, ווייל איך בין געזעסן אונטער דיין געליבטנס פענצטער! ראמעא און זשוליעטע אין שפיטאל!... און איך נעם זיך פאנאנדערקלייבן אין די מאדנע געגנג פון דער ליבע, וואס איז דוכט זיך אליין אן אויסדרוק פון געזונט און שיינט דאך נישט, די קראנקע טרייסט זי...

— אט גייען זיי! — האט זיך דאס מיידל צעטומלט און שנעל געכאפט דאס בריוועלע אין די הענט.

עטלעכע הייליקע שוועסטער האבן זיך דערנענטערט מיט זייערע קעצישע טריט און געווארפן שטעכיקע בליקן אין אלע זייטן, ווי די טיגערס, וואס גרייטן זיך ווארפן אף זייער קארבן.

— אט פאר זיי דארף מען זיך היטן! — רופט זיך אן צו מיר פארטרויליך דאס מיידל, ווי נאר די הייליקע האבן זיך פון אונדז דערווייטערט. — זיי זאגן מען טאר ניט „אפילירן" (פלירטן) און טא־מער רעדט אמאל א קראנקע מיט א קראנקן, איז גלייך ארויסגעווארפן! אזוי שפאנען זיי אום גאנצע טעג און נישטערן, זוכן, נאר אויסצו־טראכטן ווער ווייס וואס... און אז זיי לייגן אף עמיצן אן אויג, קען שוין גאט אליין אויך ניט העלפן...

— און וואס זאגן די דאקטוירים? פרעג איך זי.

זי קוקט אף מיר מיט א ביסל כשאר.

— זאג מיר ועסט נישט דערציילן?

איך שווער איר, אז קיינמאל ניט. זי בויגט זיך אן צו מיר און רוימט מיר שטיל איין: „עס אונא פונטא דע אטוראנטעס", א בינטל שלעפער, קוים זאגט די שוועסטער, אז מען פירט זיך אויף שלעכט, פרעגן זיי שוין נישט בא די קראנקע, נאר זיי שרייבן

באַלד אוים... דעריקער, ווילן די שוועסטער מען זאָל אַ סאַך דאַווע־
נען... דו דאַוונסט?...

— אקעגן וואס פרעגסטו דאָס?

גלאַט אַזוי... אַז דו וועסט אַ סאַך דאַוונען, וועלן דיר די
שוועסטער ליב האָבן...

— זי ווערט פּלוצים ווידער ערנסט און גיט מיך אַ פרעג:

— דו האָסט שוין געהאַט אַמאָל אַ בלוט־שטורץ?

ווי אַ געניטער דאָקטער נעם איך איר שילדערן די בלוט שטור־
צן וואס איך האָב געהאַט...

— איך — זאָגט זי מיר — האָב געהאַט צוויי בלוט שטורצן.
דער דאָקטער זאָגט ס׳איז גאָרנישט.

— אוודאי איז עס גאָרנישט. — מוטיק איך זי. — שוין
לאַנג אַז דו ביסט קראַנק?

— שוין פיר יאָר — נעמט זי מיר דערציילן. — געקומען
איז עס מיר פון אַ גריפּ. איך בין געגאַנגען אַרבעטן אין פאַבריק
מיט אַכט און דרייסיק גראַד. בא דער אַרבעט איז מיר פינצטער
געוואָרן פאַר די אויגן. מען האָט מיך אַהיימגעפירט און איך בין
אָפּגעלעגן פיר וואָכן אין בעט. דער דאָקטער האָט געזאָגט ווען איך
זאָל געווען אָפּליגן דריי טעג באַלד ווי איך האָב באַקומען היץ,
וואָלט איך ניט געווען געקומען דערצו...

די קראַנקן שוועסטער האָט אונדז גערופן די טעמפּעראַטור
מעסטן און האָט מיך צעשיידט מיט דער קראַנקער זשוליע, וואס אין
איר ליבע האָבן זיך אוועקגעשטעלט אַלס שטערונג נישט די גאָדלעסדי־
קע צעקריגטע מישפּאָכעס, נאָר די נישט פאַרגינערישע און פאַרדאָר־
בענע מיט הייליקייט שוועסטער.

אַף וואָס האָט א מענטש א צונג...

צי איז דאָס געווען דערפאַר וואָס מען האָט זיך געשראָקן אָדער דערעכערעץ געהאַט פאַר דעם גראָבן בוך, וואָס איך האָב מיך מיט אים געכאַוועט און מען האָט נאָך ניט געהאַט אויסגע־פּרואווט דעם באַזונדערן וועג ווי צוצוגיין צו דער „אינטעליגענטער רוסאַ", צו מען איז געווען אנגעשטויסן אַף מיר פאַר מיין גוטער באַ־ציאונג צו דעם טובערקולאָזן שיינעם מיידל, וואָס מען האָט זיך גע־האַלטן פון איר פון דער ווייטנס; ווי דאָס איז געווען, איך האָב געפילט און זייער פיינלעך געפילט דעם פאַרנאַכט אין סאַלע אָן אינטענ־סיווע רעזערווירטקייט אַרום מיר.

די רעזערווירטקייט האָט געבראַכן די הייליקע שוועסטער. נאָך דער אוונט־טפילע איז זי צו מיר צוגעגאַנגען און פריינטלעך געפ־רעגט: ווי איך פיל מיך דאָ... און... צו גלויב איך אין גאָט און אין יעזוסן...

איך געדענק ניט ווי לאַנג עס האָט געדויערט ביז איך האָב איר געענטפערט דערויף, נאָר פאַר דער צייט צווישן דער פראַגע און מיין ענטפער, האָב איך אַזויפיל איבערגעלעבט און איבערגע־טראַכט, אַז מיר דאַכט זיך, עס האָט געקענט קלעקן אַף א סאַך, זייער א סאַך טעג. איך האָב מיך דערמאַנט אין דער מאָנענדיק־פּיי־ניקנדיקער, מאַמעש טעראָריזירנדיקער טפילע אין דער געדעמפּטער און טשאַדענדיקער שיין פון פאַרטאַג אינמיטן דער סאַלע און אין דער אייצע פון דעם נאַאיוון מיידל איך זאָל וואָס מער דאַוונען, קעדיי איך זאָל גויסע כיין זיין באַ דער הייליקער שוועסטער, וואָס באַ איר אין די הענט ליגט דער גורל פון די קראַנקע. אינעם פריינטלעכן פרעגן פון דער שוועסטער צו איך גלויב אין גאָט און אין יעזוסן, האָט זיך מיר געדאַכט, הער איך די פריינטלעכקייט פונעם „סאַנטאַ אַפּיסיאַ" באַם אויספרעגן די „ערעכעס", די אַפּיקאָרסים, אידן און

מאָרן, וואס די פּיין אינסטרומענטן האָבן שוין געוואָרט אף זיי אונ־
טן אין די קעלערס פון דער אינקוויזיציע, ווי גאַלאַכים מיט מאס־
קעס און קאַפּיושאָנען אף די קעפּ, גאַלאַכים קריפּלען, אויסגעליידיק־
טע פון יעדן מענטשלעכן געפיל, דרייען צו די שרויפן ארום די הענט
און פיס פון די קאָרבאַנעס און שלעפּן בא זיי ארויס די צינגער פון די
מיילער... זי שלעפּט פון מיר ארויס די צונג פון מויל, די פּריינטלעכע, די
בארמהאַרציקע, די הייליקע שוועסטער, פּונקט ווי אירע ברידער, די גאַ־
לאַכים דארט אונטן אין די קעלערס בא די מאַראַנען... אין שפּאַניע.
די שפּאַניער!... אַ זיי ווייסן אף וואס א מענטש דאַרף א צונג! די
אינקוויזיציע האָט זיי אויסגעלערנט!... א מענטש דאַרף א צונג אף
צו באהאַלטן אונטער איר זיינע געדאַנקען... צו ריידן מיט איר א סאך
און ניט מיט איר צו זאָגן דאָס וואס מען דענקט... ערגעץ האָב איך
אים געלייענט דעם קלוגן שפּרוך בא א שפּאַנישן שרייבער. און צווישן
שפּאַניערנס און ביפּראַט צווישן בארמהערציקע שפּאַניערנס מוז די
„רוסא" באַנוצן איר צונג לויטן שפּאַנישן רעצעפּט.

— איך האָב שוין געזאָגט, שוועסטער — האָב איך איר מיט
א געמאַכטער רויקייט געענטפערט — אז איך בין א אידישקע און
אידן, ווייסט איר, גלויבן אז אלע זיינען גאָטס קינדער... איך גלויב
אז יעזוס איז געווען א גרויסער מענטש...

די שוועסטער האָט אפּאַנים דערפילט דעם שפּאַנישן טאַעם
אין מיינע צוגעטראַכטע ווערטער און האָט זיך איבערגעציילעמט. זי
האָט א קוק געטון ארויף צו יעזוסעס בילד און צוגעגעבן שטיל: זאָל
ער דיר מויכל זיין... נאָר באלד איז איר טאָן געשטיגן אלץ העכער
און שאַרפער: פאַראַן ערגערע ווי דו, יענע וועלן גיין אין גענעם
אריין!...

זי האָט א קרומען בליק געטאָן אף די קורצע ארבל פון מיין
כאַלאַט, און איז ארויס פון סאַלע. זי האָט אָבער פונדעסטוועגן מיר
צוגעוואונטשן איך זאָל מיך גיך צוגעוואוינען צום שפּיטאָל לעבן.

דער געשפּרעך פון דער שוועסטער מיט מיר, האָט אפּאַנים אפּ־
געשוואַכט דעם כיירעם וואס די שפּיטאָל ווייבער האָבן אף מיר גע־
וואָרפן און איינע נאָך איינע האָבן זיי זיך אונטערגעגאַנוועט צו מיר
און מיך גענומען אויספרעגן אף וואס איך לייד.

ס'איז אף איר ניט קענטיק... געפינען קימאט אלע פאר נוי־טיק צו זאגן — קיינער וועט ניט גלויבן אז איר זייט קראנק... און זיי נעמען אויסדערציילן אף וואס יעדע פון זיי לײדט. איינע לײדט אף דער לעבער, א צווייטע אף די נירן, א דריטע אפן הארצן, א פערטע אף מערידן און א פינפטע — אף אלץ צוזאמען.

איינע דער צווייטער האט איבערגעשלאגן די רייד און גע־וואלט שלאגן רעקארד מיט אירע קראנקייטן, זי איז קראנקער פון אלע אנדערע, זי האט אן אראפגעלאזטן מאגן, נאר איין ניר און האט א רעמאטיזם אין הארצן...

די איבעריקע דערפילן זיך ארעם אנטקעגן זייער שאכנטע און געפינען פאר נויטיק זיך צו פארענטפערן, אז ווען זיי זאלן זיין גע־זונט, וואלט מען זיי דא ניט געהאלטן... זאל זי ניט מיינען, אז נאר זי לײדט...

— פאברעסיטא!*) — רופט זיך אן א קליין שמאל גויקעלע מיט א דאר פעניםל און קליינע גרויע, בייזע אויגעלעך — ארימינקע! — שאקלט זי מיטן קאפ און ווייזט אף דעם שיינעם טובערקולאזן מיידל, וואס ליגט אף איר בעטל — איר זעט די גראבע קו! וואס א שטיינער ליגט זי דא? אזא אנגעפרעסן פאנעם! זי איז פאשעט פויל... ווינקט זיך איבער מיט די קראנקע, אטאראנטעם פון אויבערשטן זאל און איצט ליגט זי אין בעט און מאכט קרומע פיסקלעך... הוסט קלאמפערשט... מירן דערציילן דער הייליקער שוועסטער וועט זי שוין ווײַזן וואס זי האט מיט איר צו טון... איך קען ניט פארלײַדן איך בין גרייט דעם גויקעלע אין פאנים אנשפייען, נאר מיין שאכנטע, וואס האט די גאנצע צייט מיט א גאליקן שמייכל אף אירע געפרעסטע ליפן אויסגעהערט די בארימערייי פון די ווייבער מיט זייערע קראנ־קייטן און דאס רעכילעסן אף אנדערע, האט צו מיר א וואונק גע־טון. און אין דעם וואונק האב איך איבערגעלייענט: שווייג אויב דו ווילסט האבן רו!... איך האב מיך דאך ניט איינגעהאלטן און א פרעג געטאן.

— איז פאר וואזשע היט מען זיך פאר איר?...

---

*) ארעמע

אין דער זעלבער נאכט האָט דאָס מיידל באקומען א בלוט־שטורץ, גאנץ פרי האָט מען זי אפגעפירט אין א פפעצ. שפיטאָל פאר לונגען קראנקע.

מיין שאָכנטעס וואונק האָט גלייך אָפגעצויגן די אויפמערק־זאמקייט פון די ווייבער פון מיר אף איר. זיי האָבן איר גענומען צו־ווארפן ליבע שמייכלען און פארפירן מיט איר א שמועס. נאָר יענע, אפּאנים, האָט שוין גוט געוואוסט אף וואס א מענטש האָט א צונג און האָט געשוויגן.

ווידער האָבן זיי זיך געווארפן צו מיר, מיר געוואונקען אף איר: — זי איז אן עגאָאיסטקע, א שלאנג — האָט איינע א זאג געטאן אין דער שטיל און איז אוועק.

קוים איז די אוועק, האָבן אלע זי ארייגעכאפט אין זייערע מיילער: זי מאכט זיך נאָר... זי איז א פוסטע, א נאר, א גאר־נישט...

ווען מיינע „געסט” זיינען אוועק פון מיר, האָב איך א פרעג געטאן מיין קלוגער שווייגנדיקער שאָכנטע: וואס איז דאָס פאר א פאָ־ליטיקע...

— אז מען וויל זיין רויק — האָט זי מיר אף מיין פראגע גע־ענטפערט נאָך א ווײלע שווייגן און פול מיט אומצוטרוי — און מען וויל ניט ווערן ארויסגעווארפן ווי א הונט, דארף מען זיך ניט אנע־מען קיינעמס קריוודע...

איך האָב אויסגעהערט אירע ווערטער ווי דארפס מענטשן הערן אוים די ווערטער פון א לעבנס דערפארענעם וועלט־כאכעם און האָב אין זיי געפונען א באשטעטיקונג צו יענעם גלייכוואַרט, וואס די אינקוויזיציע האָט ארויסגערופן באם שפאנישן פאלק, אז א מע־נטש האָט א צונג אף צו פארדעקן זיינע געדאנקען...

די ארגענטינערן פון גאליציע

איך בין שוין א פּאר טעג אין שפּיטאָל און האָב מיך שוין צוגעוואוינט צו דער הייליקער שוועסטערס שטרענגקייט, „רויק" צו גען בעשאס מיינע א שכיינע קאָרטשעט זיך אין ווייטיק אָדער הוי־כט גאר אויס די נעשאָמע און אפילע דאָס רעבילעסן פונעם ווייבע־ריי האָט מיך מער ניט געקימערט. פארנומען בין איך איצט מיט עפּעס אנדערש, איך זוך א אידיש פּאנים, א אידיש ווארט. גע־שיקט זיך עס, טראכט איך מיר, אז אין אזא זאל, צווישן צוויי און פופציק פרויען, זאל איך זיין די איינציקע אידישקע?...

לויט דער צאל אידן אין לאנד, זיינען מיר די דריטע נאצ־יאָנאליטעט אין ארגענטינע, אָדער ווי איז אָנגענומען צו זאגן, די דריטע אויסלענדישע קאָלעקטיוויטעט און וואס שייעך קרענקען און דאקטערן זיך, האָב איך מוירע, זיינען מיר די ערשטע... און דאָ הערט מען אלערליי שפּראכן, פון שפּאניש און איטאליעניש איז אפּגע־רעדט, נאָר אפילע דייטשש און רוסיש נאָר ניט קיין אידיש... איך וואלט מיר איצט מעכייע געווען מיט א ביסל היימישן בעסאראבישן אידיש ווי מיט א גוטער מאמעליגע וואס די פּארע זעצט פון איר אָדער ווי מיט א גוט אויסגעבלאקן שטיקל מאלאי... נאָר זאל שוין זיין די צוקער־דיקע פּיש פונעם פּוילישן אידיש, זאל זיין בולבעס מיט הערינג־ליאק פונעם ליטווישן אידיש ווארט, איך וויל זען א אידיש פּאנים...

אומזיסט זוך איך יעדן פרימאָרגן ווען מיר זיינען אלע אין וואשצימער אומזיסט שפּאַן איך איבערן זאל לעננאויס די בעטלעך און קוק מיך צו צו די טאוולען, וואס הענגען בא יעדן און דער־ציילן ניט נאָר וואס פאר א קרענק די קראנקע האָט און וויפל גראד היץ האָט די קראנקע און וויפל גראד היץ דער טערמאָמעטער ווייזט, נאָר אויך פון וואס פאר א נאציאָנאליטעט זי איז.

נאָר אז מען זוכט געפינט מען. אפילע ווען דאָס געזוכטע

באהאלט זיך. הינטער איינעם א טאוול, וואס האט געוויזן אז אף דעם בעטל ליגט אן ארגענטינערן, האב איך דערזען א פאר אידי־שע אויגן און די נאז... אויך א עכט אידישע, ווי עס שטייט גע־באטן אין אלע אנטיסעמיטישע קאדעקסן.

און די קראנקע כאפט אף מיר א קוק. נאר באלד לאזט זי דעם בליק ארונטער, ווי זי וואלט זיך געבעטן בא מיר: טשעפע מיר ניט!

איך האב קיין אנדערע ברירה ניט געהאט און בין אפגע־טראטן פון איר: אוים מעכוטאנים!

מיט א פאר שא שפעטער. ווען איך בין געזעסן אין גאדטן, איז זי צו מיר צוגעקומען. האט זיך לעבן מיר אוועקגעזעצט און אומקוקנדיק זיך ווי א שפיאן צו די קראנקע פון אונדזער זאל, וואס האבן זיך גענומען שושקען זאגט זי צו מיר:

— איך קען אייך!

זאגן זאגט זי עס מיר אין שפאניש. איך שטרענג מיך אן צו דערמאנען אזא פאנים, נאר עס געלינגט מיר נישט. זי רופט מיר אן א פאמיליע פון זייער נאענטע כאווירים מיינע. די פאמיליע, זאגט זי, זיינען אידע לאנדסלייט און דארט האט זי מיך אמאל גע־טראפן.

— אוי! — שריי איך אוים מיט פרייד און באגייסטערט

— וואזשע שווייגט איר? וואו זיינט איר געווען ביז היינט? קע־נען מיר דאך ריידן אידיש — ווער איך אלץ מער באגייסטערט.

נאר די פרוי לאזט אראפ די נאז און ענטפעט מיר קאלט:

— זשא נא האבלא אידיש!*)

— אזוי! — טראכט איך מיר און געפין איר ניט וואס צו ענטפערן. נאר געפילט וואלט איך ניט ווי זי וואלט מיר א פאטש געטאן אין פאנים, נאר ווי זי וואלט מיך, נאך א הייסער וואנע, אפ־געגאסן מיט עטלעכע שעפעלעך אייז־וואסער.

די פרוי האט גלייך באמערקט מיין פארלוירנקייט און מיין גרויסן כיישעק זי מער ניט אנצוקוקן.

---

*) איך רעד ניט אידיש

זי האָט אבער מוירע געהאַט מיך צו פארלירן און האָט זיך גענומען פארענטפערן פאר מיר: איר דאקטער, זאגט זי מיר, איז א גרויסער אנטיסעמיט, אז ער וועט זיך דערוויסן, אז די איז א אידישקע, וועט ער מיר ניט שענקען קיין אויפמערקזאמקייט און וועט איר ניט בייהילפיק זיין...

איך האָב מיך דערמאָנט, אז איך האָב ניט לאנג געלייענט וועגן דעם פסיכישן צושטאנד, וואס רופט זיך מינדערוויכטיקייט קאָמפּלעקס און האָב טאקע באלד דערזען וואס פאר א קראנקייט דאָס איז. דער גאנצער זאַל מיט ווייבער האָבן אַף איר געקוקט מיט פאר־אכטונג. „דאָס איז אונדזער טייל שולד אינעם אנטיסעמיטיזם" — האָב איך א טראכט געטאָן.

— גאט צו דאנקען!... — הער איך ווי איינע פון די ווייבער רופט זיך אָן: — די לאנדסלייט האָבן זיך געפונען...

א צווייטע גיט איראָניש א שמייכל:

— זי איז דאָך אן ארגענטינערן!... ניט עמעס סעניאָרא?... ווענדט זי זיך צו דער פּריווילעקער מאראנערן, וואס זיצט ווי א גאנעוו, ווען מען פאקט אים בא דער האנט.

א דריטע רופט זיך אָן:

— סיי ווי, אלע ווייסן דאָך, אז דו ביסט א „רוסאַ"... אָט זעסטו — ווייזט זי אָן אַף מיר: — די סעניאָרא איז א „סענסיזשא", א פּאָשעטע, האָבן זי אלע ליב. זי מאכט ניט קיין אספּאמענטאָס, גיט זיך ניט אן פאר דאָס וואס זי איז ניט... מען קען דאָך יענעם ניט נארן.... מיט וואס זיינען די רוסאס ערגער ווי אנדערע?... גיט זי א קוק צו מיר, ווארטנדיק איך זאָל מאסקים זיין.

איך פיל אירע רייד און אין איר קוקן צו מיר, א היפּש ביסל צוויעס. געצילט איז געווען איר אנעמען זיך פאר די רוסאָס און דער גאנצער פארפירטער געשפּרעך וועגן דער מענטשהייט און וועגן די „נאסיאָנעס" אז די פרוי זאָל זיך מוידע זיין אז זי איז א אידיש־קע, קעדיי דערנאָך זאָל זי איר קענען פיקן אין דער גאַל.

די אידישקע גיט זיך אָבער ניט נאָך. זי איז געבוירן געװארן, זאגט זי, אין ארגענטינע, נאָר אז זי איז געוועז נאָך גאר א קליינינקע, זיינען אירע עלטערן מיט איר אפּגעפארן צוריק קיין

„אויסטריא״ און אז זי איז אלט געווען פופצן יאָר, איז זי צוריק־געקומען קיין ארגענטינע...

— אָ, דאָס איז שוין עפּעס אנדערש! — מאכן די גויעס פרומע פּענימער און ווינקען זיך איבער.

— הא וויסטאָ!*) — זאגט די פרוי וואס האָט גערעדט פון מענטשהייט און פון גלייכהייט און גערימט מיין באשיידנקייט — הייסט עס, ביסט געבוירן אין ארגענטינע און דערצויגן אין פּאָ־לאָניא... אויב אזוי ביסטו אן ארגענטינערן!...

א פארלוירענע שאָקלט די אידישקע מיטן קאָפּ:

— יאָ, יאָ!... נאָר גלייך פארלאזט זי אונדז און ווי אן אויס־געפּאטשטע גייט זי אוועק אין זאל אריין.

די פרויען האָבן אויסגעפּלאצט אין א געלעכטער:

— זי איז אנטלאָפן! הא, הא! זאל זי וויסן, אז מען נארט אונדז ניט מיר זיינען ניט קיין „בילעס״**). דער דאקטער ווייסט אויך אז זי איז א רוסא, די קאבא, די הערמאנא***) און דער פּאַד רע...****)

איך האָב ניט געוואוסט, צי זאל איך אויך געניסן פון דער נעקאָמע וואס די ווייבער האָבן אין איר געהאט, צי זאל איך זי באַ־דויערן: זאל איך צוזאמען מיט איר פילן א האס צו די ווייבער, וואס האָבן דערפילט איר שוואכקייט און נוצן דאָס אויס צוליב זיי ער סאדיסטישער האנאָע, אָדער זאל איך צוזאמען מיט די ווייבער פילן א האס צו איר, צו דעם פאכדאנישן נעפעש, וואס ציט אף זיך דערנידערונג אוים מוירע פאר איר נידעריקייט...

איך האָב א טרייסל געטאן מיטן קאָפּ, ווי איך וואלט אפּ־געטרייסלט פון זיך א מאכנע זלידנע פליגן און בין אוועק שפּאַ־צירן אליין.

---

*) האסט געזען

**) נאראנים

***) די שוועסטער

****) דער פאטער

נישטאָ קיין גליק . . .

די געסט זיינען שוין אוועק. נאָר היינט איז אנדערש ווי אַ־לעמאָל. ניט מען ציט זיך אוים אפצורוען פון די רעגונגען וואס געסט ברענגען מיט זיך, נאָר מען צעפּאקעוועט וואס איינע האָט און מען עסט, מען שטופּט אין זיך, מען טרינקט זיך אן מיט מילך און מיט וואסער. מען גרייט זיך ערגעץ. מען טוט אן א היגטער קליידל, אף דעם וואס מען טראגט, מען נעמט מיט זיך די טאוולען וואס הענגען אף די בעטן און ווייבער לאָזן זיך אוועק אין א פּראָ־צעסיע.

— קומט זיך אפּוועגן! — רופן זיי מיך.

מיר גייען אלע אריין אין א קליינעם צימער. די „קאבא" ערנסט, קוקט אף דעם ווייזער פון דער וואג, ווי זי וואלט אף דער אפּגעוואוינגן די מיצוועס מיט די אייוורעם פון די ווייבער, צי גאר דאָס גליק זייערס מיט זייער אומגליק.

— אָנגעווארן הונדערט גראם! מעלדעט זי איינער א פרוי, וואס וועגט איינגאנצן דרייסיק קילא. ,

— אָבער קאביטא! ס'קען דאָך ניט זיין... כ'האָב היינט געגעסן מער ווי אלע טאג. און ערשט...

די קאבא טרייסט זי:

— ס'איז איבער די היצן...

א צווייטע, א דריטע, א פערטע. און אלע דאָס אייגענע.

— אָבער! ווי איז דאָס מעגלעך? איך האָב דאָך אפילע אנ־געטון מער מיט א קליידל!...

נאָר אט איז איינע ארויף, וואס האָט צוגעקראגן גאנצע פיר הונדערט גראם. און מען הערט שוין קאָמענטירן:

— א בעהיימע! זי קומט צו, ווייל זי פילט ניט אירע ליידן...

עס גייען אזוי ארויף און אראפּ דרייסיק און פערציק־קילאדי־

קע ווייבער. ביז עס גיט זיך אָ רוק ארויף א קיילעכדיק ווייבעלע. אזש די וואג גיט א קרעכץ אונטער איר. דער ווייזער גיט א פאַל אראפּ און ווערט שיר ניט אפּגעריסן.

— אָבער קאביטאַ! עס קען דאָך ניט זיין!... בעט זיך די פרוי א דערשראָקענע — איך לעב דאָך מיט א רעזשים... און ערשט... די קאבא גיט א זיפץ און פארשרייבט אפן טאוול.

— פון הונדערט מיט אכצן, אף הונדערט מיט צוואנ־ציק...

גיי זוך גליק און צופרידנקייט אף דער וועלט!

די שלאַנג

מיין נאָענטסטע שכיינע, ס׳צווייטע בעט פון מיר, איז א שפּאניערן פון פינף און דרייסיק יאָר, מיט א קליין ווייס טרוקן פּאנים, דער קין א ביסל ארויסגערוקט — וואס גיט איר צו א אויסדרוק פון ווילנס־קראפט, — א קליין קיילעכדיק נעזל און ברוינע אוי־גן, גרויסע און טרויעריקע, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ אַ גוטסקייט אַ האס און פארביטערונג.

אין זאַל האָט מען זי גערופן די שלאנג, די נעווראסטעני־קערן. פאר איר אפּגעזונדערטקייט אפּאנים. איך אָבער, האָב אונ־טער איר פארגליווערטער מאסקע, אונטער איר צוריקגעצויגנקייט און עגאָצענטרישקייט, דערפילט א צארטקייט, א בענקשאפט און א באגער נאָך א אויפריכטיק און פריינטלעך ווארט. באזונדערס האָב איך געמערקט איר אפּווענדן די אויגן פון די ווייבערישע פאלשע שמייכעלעך

די ערשטע פאר טעג האָבן מיר זיך איבערגעווארפן מיט די סאמע נויטיקסטע ווערטער. נאָר וואס ווייטער אלץ מער האָב איך געפילט אף זיך איר אויפמערקזאמקייט. גערעדט האָבן מיר אויך

ווערטער גאַנץ ווייניק, מיר האָבן נישט געפירט צווישן אונדז קיין שמועסן, ווי ס'פּאַסט פאַר שכיינים, נאָר אירע אויגן האָב איך געפילט אַף זיך. זי האָט מיך געהיט ווי מען היט א גאַנעוו. בין איך געזעסן אין גאַרטן, איז זי געזעסן אקעגן מיר, האָט געלייענט, געשפּילט זיך מיט א גרעזל, וואס זי האָט אפּגעריסן, צי גאַר מיט א היימלאָז קעצל, פון די קעצלעך, וואס טוליען זיך צו צו די שפּיטעלער, ווייל זיי דערשמעקן אַפּאַנים, אַז דאָ איז מען זשעדנע א לאָסקע. אַף מיינע שפּאַצירן האָט זי מיר נאָכגעקוקט. אין באַד אַפילע איז זי מיר נאָכגעגאַנגען. שאָען לאַנג פלעגן מיר זיך געפינען זייער נאָענט איינער פון דער אַנדערער און דאָך אַזוי ווייט.

אין א באַנאַכט האָב איך דערהערט ווי זי איז אַראָפּ פון איר בעט, צוגעגאַנגען צו מיינעם, אויפגעהויבן די אַראָפּגעגליטשטע קאָלדרע און מיך צוגעדעקט.

דאָס האָט זיך איבערגעכאַזערט עטלעכע מאָל און מיר פלעגט ווערן דאַפּלט וואַרים.

אַן אַנדערש מאָל פלעגט זי מיך אויפוועקן:

— שלאָפט ווי א מאַרטיר, קעסיידער פאַרלייגט די הענטלעך אַפן האַרצן און זיפצט מיר אין קאָפּ אַריין!...

איך כאַפּ מיך אַמאָל אויף און זע זי שטיין לעבן מיר:

— צום טייוול! — בייזערט זי זיך אַף מיר ווי א מאַמע — וויינט אין שלאָף, ברעכט פּיסקעס און פּיעשטשעט זיך... און די אויגן אירע האָבן מילד גערעדט צו מיר: וויין, וויין, פון וויינען ווערט גרינגער...

איר טרוקן ביינענדיק פּעניטל איז דערביי געווען בלייכער ווי שטענדיק, איינגעשרומפּענער און איר הויכער שטערן האָט זיך דערביי געראָנצלט ווי בא א פאַרטיפטן מענטשן.

האָב איך באַנאַכט אַריינגעקוקט אין מיין לײדיקן וואַסערטעפּעלע, איז זי שוין געווען וואַך:

— ווי א קליין קינד איז דאָס... ווערט פאַרברענט און האָט מוירע צי גיין נאָך א ביסל וואַסער...

און ווי זי זאָגט דאָס, איז זי שוין אַרונטער פון בעט און מיר געבראַכט וואַסער.

האָט מען מיר פאַרפּעלט מילך צו געבן, האָט זי באַלד זיך אָנגענומען מיין קריוודע און געבעטן פאַר מיר סטאַנציע.

און דאָך, זיינען מיר ניט געווען קיין „פריינדינס", האָ־בן מיר ניט פאַרבראַכט אין קיין אינטימע שמועסן, ווי פריינדנס טוען עס.

א פּאָר וואָכן שפּעטער, אין א קאַלטן רעגנדיקן טאָג פאַר־גלוסט זיך מיר נעמען א וואַנע.

— וואָס איז דאָס פאַר א מין! — צעשרייט זי זיך אויף מיר

— עפּעס א קאַפּריזער מענטש! אַלע ליגן אין די בעטן און זי גייט זיך פּאַליושקען... עפּעס א שער זיצט אין איר!... און ווי זי זאָגט דאָס, כאַפּט זי בא מיר אַרויס פון די הענט די זייף מיטן האַנ־טוך:

— איצט גיי!...

איך האָב זי א ווײַלע אָנגעקוקט נאָר באַלד האָב איך איר א כאַפּ געטון אויף די הענט און האַסטיק אַריינגעוואָרפן אין בעט אַ־ריין.

— ביזט מעשוגע — האָט זי זיך צעשריגן און אירע איינ־געפאַלענע שטענדיק בלייכע באַקן האָבן זיך באַגאָסן מיט א דינער פורפּורנער רויטקייט — און דאָס האַלט זיך נאָך פאַר א קראַנקער...

— גיט זי צו מערוצעדיק צעוואָרפן אין בעט און די באַקן גלי־ען איר.

— ווער איז שולדיק — זאָג איך איר — אַז דו ביסט א פּערטל הון, אַז מיט איין בלאָז קען מען דיך אומוואַרפן...

— ביזט א ווילדע, כ'האָב דיך פיינט, און גיי דיר פון מיין בעט!... דראָעט זי מיר מיטן פינגער.

נאָר איך האָב זי ווידער אַריינגעכאַפּט אין מיינע אָרעמס און זי אַזוי צוגעדריקט צום האַרצן, אַז אירע דאַרע ביינער האָבן א קנאַק געטאָן.

— אָ, אָ! — רופט זי אויס — אַט דאָס הייסט מעשוגע!...

און גיי דיר פון מיר! — בייזערט זי זיך אַלץ און איך פיל ווי אירע דאַרע הענטלעך גלעטן מיר די האָר און ווי זי טוליעט זיך צו מיר און שטעלט מיר אונטער א באַק... איך האָב איר א געשמאַקן קוש

געטון און אויך זי האָט מיך ניט פאַרשעמט. נאָר באַלד איז זי געוואָרן ערנסט:

— גיי, גיי, ביסט ווי אַ קליין קינד, דאַרפסט זיך נאָך שפּילן מיט ליאַלקעס...

קראַנקע זיינען אויסגעוואַקסן אַרום. מיט אַ פּאַרדרוס האָבן זיי געשעפּטשעט:

— זשאַ סאָן אַמיגאַס! זיי זיינען שוין גוטע פריינט געוואָרן.

אויפן צווייטן טאָג זיינען מיר ביידע געזעסן אין גאָרטן אונטער אַ געדיכטן שאָטנבוים. מיר האָבן גערעדט וועגן ניט וויכטיקע זאַכן, וועגן קליינינקייטן.

— פאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי אָפּגעזונדערט? — האָב איך זי פּלוצים אַ פרעג געטון.

זי האָט רעזיגנירט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— עט, צו וואָס ריידן, זיך נאַריש מאַכן, סיי ווי בלייבט מען דערנאָך אָפּגענאַרט, איז שוין בעסער דערשטיקט ווערן פון ווייטיק און שווייגן... שווייגן איז די בעסטע זאַך!..

איך האָב באַלד געפּרוּווט איבערפירן דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש. נאָר מיין ניט צודרינגלעכקייט צו ריידן גראַד דערוועגן, האָט אויף איר געווירקט און זי האָט שוין די טעמע ניט אָפּגעלאָזט.

— זאָג מיר — האָט זי זיך צו מיר געווענדעט — דו האָסט אַמאָל געליטן פון דער מענטשלעכער בייזוויליקייט?

— איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נו, איז אָט די בייזוויליקייט האָט מיר מיין בלוט פאַרסאַמט... כ'האָב פיינט אַלע מענטשן, אַלעמען, אָן אויסנאַם... מיינע בעסטע כאַווערטעס האָבן מיך פאַראַטן, אָפּגעשפּעט און מיך באַשפּיגן און אין די אויגן שטענדיק געווען גוט מיט מיר... אָך, האָבן זיי מיך פאַרדאָרבן!.. כייעס זיינען זיי! נאָך ערגער!...

די אויגן זיינען איר פול געוואָרן מיט טרערן. אַז זי האָט זיך אַ ביסל באַרויקט, האָט זי ווידער אָנגעהויבן:

— ווען איך זאָל דיר אַלץ וועלן דערציילן, וואָלסטו געוואוסט,

אז איך בין ניט מעשוגע. נאָר, איך וויל דאָס פארגעסן. וויפל שלאָפ־לאָזע נעכט, קריגערייען מיט מיין מאן און אומזיסטיקע הארצווייטיק מיינע גוטע פריינט האָבן מיר פארשאפט, די נעשאָמע האָבן זיי מיר אויסגענאָגט... האָבן מיר געפרעדיקט מאָראַלישקייט, אפנהאר־ציקייט און אז איך בין געווען מאָראַליש און אפנהארציק האָבן זיי געלאכט פון מיר... האָבן ביי מיר יאַנטויווים געפראַוועט און איצט, אז איך בין קראנק, צעבראכן, האָבן מיך אַלע פארלאָזט, נישט קיין איינער פון זיי!... אויסגעשטאָרבן זיינען די מאָראַל - פרעדי־קער, די גוטהארציקע מענטשן, ערגער ווי כייעס זיינען זיי... א כייע וועט דיך אויפפרעסן און זעטיקן איר הונגער, מענטשן ווע‍לן דיך מאטערן.... מיט זייערע רעכילעס, מיט זייער בייזוויליקייט...

איך האָב איר געלאָזטריידן. אזוי לאנג האָט זי געשוויגן, זאָל זי איצט ריידן... געזען האָב איך, אז איך האָב צו טאָן מיט א מענטשן, וואס נעמט אויף די זאכן אבסאָלוט, וואס זוכט די אבסאָלוטע גערעכטיקייט, די אבסאָלוטע גוטסקייט, די אבסאָלוטע געטריישאפט. איך אליין פיל מיך אפט ניט פריי דערפון, כאָטשע דער סייכל זאגט מיר, אז דאָס איז זייער פרימיטיוו, אז אינעם פרימי־טיוון צושטאנד איז דער מענטש געניגט אזוי אויפצונעמען זאכן און אז אזעלכע מענטשן לײדן אמערסטן, אָדער זיי ווערן אליין שנעל אנ־טויישט און פארצווייפלט אָדער מען נוצט אויס און מען מיסברויכט זייערע אבסאָלוטע פארשטעלונגען. בעיים זי האָט גערעדט, האָב איך געהאט פאר די אויגן יענעם בעטלער מיטן קרומען פוס, וועגן וועלכן קאסטיא ריאבצאוו דערציילט, אז די גאנצע צייט פון זיין רייזע אין וואגאָן האָט ער ניט אויפגעהערט ריידן וועגן גערעכטי־קייט און אין אַלץ האָט ער געזען אומגערעכטיקייט און געווען איז ער, ווי קאסטיאס פראָפעסאר האָט דערקלערט, א קראנקער, אן ע־פילעפטיקער... אזוי זיינען זיי די עפילעפטיקער!...

— און וואס מיינסטו? — האָט זי וויטער גערעדט — דאָ אין שפיטאָל איז בעסער? ווער האָט פון מיר געמאכט א שלאנג, אז ניט די קלעפ וואס איך האָב געקריגן פון די וואס האָבן מיר גע־דארפט דאנקבאר זיין? שטעל דיר פאר, אז אין די צוויי יאָר וואס איך בין קראנק, ליג איך שוין אין פערטן שפיטאָל, און אַלץ דער־

פאר וואס איך האָב ניט געקענט צוזען די פארדאָרבנקייט, די אומענ־טשלעכקייט, די אומגערעכטיקייט...

— נו — זאג איך — מאך דיר ניט בייז דאָס בלוט. ער־געץ זיינען זיי פאראן די גוטע, די בארמהערציקע, די געטרייע די גערעכטע, אזעלכע ווי דו, נאָר ווער ווייס וואו זיי געפינען זיך!...

— אָט האָב איך דיך געפונען — זאגט זי שוין צו מיר אביסל רואיקער — כ׳האָב דיר געהיט אף יעדן שפאן, אז ס׳איז אוועק א פאר טעג און האסט זיך צו קיינעם ניט דערנענטערט, האָב איך גע־פילט, אז דו וועסט ווערן מיינע, מיינע אליין... און איצט נא דיר מיין האנט...

מיר איז געווען אי אנגענעם אי פיינלעך. ווער קען עס גא־ראנטירן פאר דער אייגענער דורכאויסקיער גערעכטיקייט צו... יענעם. צו זיך איז יעדער גערעכטיק, אָבער צו יענעם! וועל איך ניט זיין קיין נייע אנטוישונג פאר אָט דער „זוכערן פונעם עמעס.‟

זי האָט מיך צוגעצויגן צו זיך און איך האָב געפילט איר צי־ען ווי עס ציט א קעסל־גרוב אין טייך.

— קעדיי דו זאלסט ניט מיינען, אז איך בין אזא מענטשן פיינט ווי מען זאגט, וועל איך דיר דערציילן אן עפיזאָד און דאָס איבעריקע וועסטו שוין אליין פארשטיין. זעסט אָט דאָס מיידל וואס זיצט אקעגנאיבער אונדז, — גיט זי א וואונק, אף איינער וואס האָט געווארעמט אירע געשוואָלענע פיס אף דער זון — זעסט זי? איז זי געלעגן פאראליזירט אףביידע פיס. א סיפיליטישע, האָבן די ווייבער געזאגט. די ערשטע וואכן איז זי געלעגן אין בעט. איך האָב געפילט צו איר א ראכמאָנעס און האָב זי באדינט, איך פלעג אין גארטן ניט ארויסגיין, אבי זי זאל ניט ליידן. מיט דער צייט האָט זי זיך איינגעקויפט די ליבע פון דער הייליקער שוועסטער און פון דער „קאבא‟. זי האָט געשטריקט פאר זיי טאג ווי נאכט. זיי האָבן איר גענומען אונטערטראגן אייער, פוטער, פרוכטן... דאָס מיידל האָט זיך גענומען בעסערן און מיר האָט עס בעעמעס האנאָע געטאן. האָט זי אָבער דערפילט דעם קויעך פון נאטשאָלסטווע הינטער זיך און איז געווארן כוצפעדיק. ווען אנדערע קראנקע זיינען געשלאפן, האָט זי אומפארשעמט געזונגען אדער געגאנגען איבערן זאל און געט־

רייסלט מיט די בעטן, אויפוועקנדיק די קראַנקע; האָט אויפגעמאַכט אין מיטן דער נאַכט א פענצטער און זיך געזעצט אנטקעגן דער לע־וואָנע שטריקן און זינגען א טאַנגאָ. לעבן איר זיינען געלעגן דריי יונגע לונגען־קראַנקע מיידלעך, מיט הויכער טעמפּעראַטור און האָ־בן פּראָטעסטירט. פּונקט יענעם אוונט איז געקומען דער הויפּט־דאָקטער. האָט זי זיך שנעל באַהאַלטן אין בעט און אפן צווייטן טאָג, האָט מען ארויסגעוואָרפן... די דריי מיידלעך. ס'האָט ניט גע־האָלפן זייער וויינען און טיינען, אַז געזונגען האָט די שביינע זיי־ערע. דער דאָקטער האָט דורכאויס געוואָלט מיט זיי אנלערנען די איבע־ריקע קראַנקע... און זי, איז זיך געלעגן שטיל ווי א לעמעלע, קלאָמ־פּערשט ווייסט זי פון גאָרניט. איך האָב געוואוסט, אַז דאָס האָט זי אָנגעוויזן אף די אָרימע מיידלעך....

— און דו האָסט געשוויגן? — האָב איך מיך געפילט ווי אריינגעצויגן אין דעם פּראָטעסט קעגן דער אומגערעכטיקייט.

— פון דריי שפּיטעלער — האָט זי מיר געענטפערט — האָט מען מיך ארויסגעוואָרפן פאַר ניט שווייגן. וואוהין וועל איך גיין, אַז מען וועט מיך אויך פונדאַנען ארויסוואַרפן? שווייג איך. איך פּלאַץ פאַר וויטיק און שווייג, איך שווייג און דאָס שווייגן פרעסט מיך אויף. פאַר דיר וועל איך ריידן, ווייל איך קען שוין ניט מער...

זונטיק

אויך אין דעם הויז פון רו, וואו רו איז דער געבאָט פון א־לע טעג פון א גאַנץ יאָר, קומט דער זיבעטער טאָג ווי אַן אפּרו טאָג. דער שפּיטאָל־סאַמבאַטיען באַרואיקט זיך, קיין דאָקטוירים קומען ניט, די קאַבאַ איז נישטאָ און אויך די הייליקע שוועסטער פּייניקט ניט מיט איר שטרענגקייט ווי אינדערוואָכן. ווערן קראַנקע

מונטערער, האפענונגספולער, דאס לעבן צעזינגט זיך אין זיי.

ווער ס'קען נאר פונעם בעט ארונטער, פוצט זיך אוים און גייט אין שפיטאל קלויסטער, די וועכטערן ברענגט אריין א גראמאפאן, מען צעעפנט די פענצטער און געליימטע אפילע זעצן זיך אויף אף די בעטלעך. דער גראמאפאן שפילט א טאנגא אדער א וואלצער און א פארל יונגע מיידלעך נעמען זיך דרייען איבערן זאל. עס קומט צו א פארל נאך א פארל און פענימער ווערן רויט און אויגן שטראלן....

לאנג דויערט עס ניט. נאך עטלעכע מינוט טאנצן, הויבן אנדערע אן שווער צו סאפען, אנדערע ווערן בלייך און וואקלען זיך און מען פאלט אריין אין די בעטן פארמאטערטע .

די וועכטערן לויפט אריין און בייזערט זיך און טראגט ארוים דעם גראמאפאן. עס ווערט א ווײלע אומעטיק. מען האט די פרייד פון זאל ארויסגעטראגן. נאר זונטיק איז זונטיק. זונטיק צעזינגט זיך דאס לעבן און... די ליבע.

א עלטערע פרוי מיט א סימפאטיש זונטיקדיק פאנעם איז צוגעקומען צו א צווייטער, האט זיך אוועקגעזעצט אף איר בעטל און שמייכלט צו איר צארט. די צווייטע קוקט איר לאכנדיק אין די אויגן.

— נו, וואס מאכסטו, מיין אלטיטשקער? — זאגט די צוגעקומענע ווי זי וואלט גערעדט צו א מאן.

— ניט גוט טייערע, — ענטפערט די צווייטע, וואס ליגט אין בעטל — ס'איז מיר עפעם קאלט, ס'דראזשעט מיך, די ביינער טוען מיר ווײ...

— ס'איז גארניט, — טרייסט זי די ערשטע — ביסט מיסטאמע מיד פון דער ארבעט, אט וועל איך דיר אויסבעטן, ועסטו זיך אויסרוען.

און דאס פארל ווייבער נעמט זיך צערטלען מיט רייד ווי מאן און פרוי. מען רעדט פון די קינדער און פון די אייניקלעך. און, ווי מיין שכיינע זאגט מיר, האבן זיי ניט קיין קינדער און ניט קיין מענער.

צוויי יונגע מיידלעך נעמען זיך פאר די הענט. און איר הערט פון זיי אזעלכע ווערטער:

— מיין שיין טייבעלע, ווי שיין דו ביסט! אַ, מיין ליבער מאַלעך, דיינע אויגן לייכטן ווי די שטערן אין הימל.

און דאָס צווייטע מיידל מאַכט דערביי האַווייעס, דרייט מיטן פיסקל און רויטלט זיך פון איר געליבטנס קאָמפּלימענטן. צום סאָף דריקט זי זיך צו צו „אים" און זיי שטייען צוגעדריקט איינע צו דער צווייטער, ווי די פאַרלעך וואָס מען טרעפט שטיין הינטער א א פאַבריק־וואַנט אָדער הינטער א פּלויט פון א ניט פאַרבויטן פּלאַץ. צוויי פּרוּוען שפּילן א יונג ערשט כאַסענע געהאַט פּאָרל. זיי ליגן איינע לעבן דער צווייטער אויף זייערע בעטלעך:

— ניין, היינט וועסטו ניט אויספירן!...

— פאַרוואָס טייערע? שיין קעצעלע מיינס...

— ווייל כ'וויל ניט!...

— זיי א גוטענקע, וועל איך דיך ליב האָבן, מיין קליין שיין ווייבעלע!

דאָס ווייבעלע ניורעט זיך אין דער קאָלדרע און ווערט זיך קלאָמפּערשט:

— ניין, ניין, ביסט א שלעכטער כ'האָב דיך פיינט!...

און עס לאָזט זיך אָוועק א בעטעניש פונעם יונגן „מאַן", און די „פרוי" איז, ווי שטענדיק, קאַפּריזנע און אקשאָנעסדיק און דאָך די באַזיגטע.... „מאַן און ווייב" קושן זיך... מען שיקט זיך לופט קושן, מען שלעפּט אַפּיר די קישעלעך פון צוקאָפּנס און מען טוליעט זיך אין זיי:

— שלאָף, מיין טייערער! — דריקט מען זיך צום קי־שעלע.

— אוי, ביסטו היינט גוט!.. בעסער ווי שטענדיק... מיין שיינטשיק, ביינעוודיק ווייבעלע!...

דאָס פּאָרל דערקלערט זיך אַזוי לאַנג אין ליבע, ביז מען ווערט אַנטשלאָפן מיט די קישעלעך באַם האַרצן און אויף זייערע מי־דע אויסגעצערטע פּנימער שוועבט א זיסע שטילע בענקשאַפט נאָך ליבע...

זונטיק קומט אויך דער גאַלעך צו די קראַנקע. קומען קומט ער צוויי מאָל אין וואָך, נאָר זונטיק פעלט ער ניט. ער איז יונג, שיין און קרעפטיק. זיין ווייס, לויטער און קיילעכיק פּאָנים איז גלאַט געראַזירט און די אויגן — זיי זיינען בא אים גרוי און שיין — האַלט ער צו דער ערד ווען ער קומט אריין. עס באַגלייט אים די הייליקע שוועסטער. אויך זי איז זונטיקדיק. דער ווייסער געקראַכמאַלעטער קאַלנער אירער און דער טשעפּטשיק מיט די לאַפּן זיינען היינט זוי־בערער ווי שטענדיק און אף איר בלוי־ליפּנדיקן פּאַנים איז א לייט זעליקייט אויסגעגאָסן.

די שוועסטער פירט צו דעם גאַלעך צו יעדן בעטל און דעקט פריער איין די קראַנקע מיט א ווייס ריין לייַלעך, קעדיי אפּאַנים צו פארהיטן דעם הייליקן מאַן פון דער ווייבערישער זינדיקייט. דער גאַלעך זעצט זיך אוועק לעבן דער קראַנקער און זי איז זיך מיסוואַדע. באַם גאַלעך איז דאָס פּאַנים דערביי זייער ערנסט, ער קוקט ניט דער קראַנקער אין פּאַנים אריין. אז זי ענדיקט טוט זי א קוש אין דעם גרויסן גאָלדענעם צײלעם, וואָס הענגט בא אים מאַיעס־טעטיש אף דער ברוסט. ער גיט דער קראַנקער אביסל הייליק וואַ־סער און גייט איבער צו א צווייטער.

פאַרן פארלאָזן דעם זאַל, גייט ער ווידער צו צו יעדן בעטל, פרעגט די קראַנקע ווי זיי פילן זיך און ווינטשט זיי א רעפוע.

מיין הייליקער גאַלאַן

אין דער דאָזיקער הייליקער מענוכע, וואָס פאַלט אף מיר פּונקט ווי אף אלע פרומע קריסטלעכע ווייבער פונעם זאַל, בין איך די פּאַרשטויסענע יודאשקע, דעם סאַטנס טאַכטער. איך הויב אן בעטעמס פילן אזוי און נעם טאַן מיין סאַטן ארבעט, די ארבעט פון דער פּאַרפירעשער שלאַנג. וואָס רעדט אן צו זינד און צו אומגלויבן,

די אַרבעט פונעם אַנטיכריסט... און ס'איז גאָרניט שווער, זאָג איך אייך, ווערים פול מיט זינד איז די ערד.

— זאָגסט אים דעם גאַנצן עמעס? פרעג איך בא מיין שביינע, נאָכדעם ווי זי האָט זיך מיסוואָדע געווען און דער גאַלעך איז אַוועקגעגאַנגען פון איר בעטל.

— מעשוגע בין איך? — ענטפערט זי מיר — כ'זאָג אים דאָס שיטערע און דאָס געדיכטע בלייבט בא מיר...

— איז עס דען ניט מער ווי א קאָמעדיע — זאָג איך — און דו באַגייסט דערביי א נייע פרישע זינד, די זינד פון ליגן זאָגן.....

— די זינד איז ניט מיינע — ענטפערט זי מיר. — זי איז זייערע. וואָלט איך מיך ניט מיסוואָדע געווען, וואָלט מען מיך דאָ קיין איין טאָג ניט געהאַלטן...

פאַרביי מיין בעטל פלעגט די הייליקע שוועסטער פאַרביי־שוועבן אַזוי שנעל, ווי זי וואָלט מוירע געהאַט דער גאַלעך זאָל קיין טאָעס ניט מאַכן און זיך ניט אָפּשטעלן לעבן מיר. און מיין שביי־נע האָט מיך גענומען יאָדען:

— זע, צו אַלע מיעסע ווייבער שמייכלט ער און צו דיר גיט ער אַפילע ניט א קוק. דער פאַדרע האָט ניט ליב דיין ראַסע...

— ער קוקט שוין גראַד יאָ, ער גאַנוועט א קוק, ווען די שוועס־טער זעט ניט. טאָמער האָסטו עס ניט געזען, וועסטו עס באַלד זען...

איך האָב גענומען אָפּ מיר מיין געבלימטן שלאַפראָק, מיר פאַרקעמט די האָר און מיך באַגאָסן מיט פאַרפום. און אַז די שוועס־טער מיטן גאַלעך האָבן געדאַרפט אַרויסגיין פון זאַל, בין איך זיי פאַר־בייגעגאַנגען און אַריין אין וואַש צימער.

מיין שביינע האָט שוין גוט געזען ווי דער הייליקער פאַטער האָט אויפגעהויבן זיינע גרויע טייוועדיקע אויגן און מיר נאָכגע־קוקט...

מאָנטיק איז דער הייליקער פאַטער געקומען צו א שטאַרבנ־דיקער און בעיים ער האָט יענער געשאָמע מיטגעגעבן אָפּ דער ע־מעסער וועלט דעם אַטעסטאַט פון ריינקייט צוזאַמען מיט זיינע בראַ־

כעס, האָט ער מיט די אויגן געוואַנדערט איבערן זאַל און געשיקט צו מיר געגייוויישע בליקן.

דער גאַלעך האָט גענומען אַריינקומען אָפטער ווי פריער אין זאַל און וואַרפן געגייוויישע בליקן צו מיר, ביז איינמאָל איז ער געקומען מיט אַ גראָבן געבעטבוך אין די הענט און האָט זיך אָפּגע־שטעלט מיט די שווערע צלאָמים צווישן זיינע שוואַרצע פאַלדן לעבן מיין שכיינע.

לאַנג האָט ער זיך פאַרהאַלטן לעבן איר, לענגער ווי לעבן אַ־לע אַנדערע, האָט מיט איר פאַרפירט אַ שמועס ווער זי איז און פונ־וואַנען זי איז.

איך בין געזעסן און געלייענט. געהאַט האָב איך דעמאָלט לעבן מיר אַ באַנד פון דובנאָווס אידישע געשיכטע. דער גאַלעך האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן מיין בעטל. ער פרעגט מיך וואָס איך מאַך, איך דאַ־נק אים פאַרן פרעגן און באַלד טאַקע נעמט ער בא מיר דעם בוך פון די הענט, קוקט אין אים אַריין און איך זע ווי די הענט ציטערן אים...

ער פאַרפירט מיט מיר אַ לאַנגן שמועס, צי איך גלויב אין גאָט... צי איך בין אַ סוינע פון די קריסטן, ווי דאָס ראַוו פון מיין ראַסע. איך ענטפער אים פאַרשטייט זיך, אַז פרומע אידן גלויבן אין גאָט און אַז ניט מיר האָבן פיינט די קריסטן, נאָר אונדז דאַכט זיך אַז די קריסטן האָבן אונדז פיינט. ער דיסקוטירט זאָגט אַז די אידן זיינען אַ פאַראַקשנט פאָלק, זיי זיינען בלינד אין גאָטס עמונע און וואָלטן זיי נאָר אָנערקענט יעזוסן און דעם הייליקן סאַקראַמענט, וואָ־לט געקומען דאָס גליק פאַר יעדן און מען וואָלט ניט באַדאַרפט אַזוי פיל קעמפן מיט דער זינדיקער וועלט... און בעשאַאַס ער רעדט זיי־נען אים די אויגן פול מיט זינד, קעגן וועלכע ער פרואווט אָפילע ניט קעמפן און ער הערט שוין אָפילע ניט ווי די הייליקע שוועסטער איז צוגעקומען און רופט אים און זעט ניט ווי זי איז הויפע נערוון און שטייט ווי אַף שפילקעס:

— פאַדרע, ס'ווערט שפּעט!... פאַדרע מען וואַרט אַף אייך אין קלויסטער! פאַדרע! פאַדרע!

און דער פאַדרע געפינט זיך אין די נעצן פון דעם סאַטאַנס טאָכטער, וואָס די הייליקע שוועסטער האָט די גאַנצע צייט זיך באַ־

מיט אים אויסצוהיטן פון איר און ער האלט איר לאנג די האנט און דריקט זי שטארק באם געזעגענען זיך און באדויערט וואס ער קען מיט איר איצט לענגער ניט שמועסן...

פארן אוועקגיין, האָט ער מיר צוגעזאגט ברענגען א בוך, וואס וועט מיר ארויפפירן אפן גלייכן וועג. און אפן צווייטן טאג באלד האָט ער מיר דעם בוך געבראכט. דאָס איז געווען א גראבער בוך, איך גע־דענק שוין ניט פון וועלכן הייליקן, וואס האָט געשילדערט דעם גאַ־ניידן פון די גלויביקע.

די קינע צו מיר באם גאנצן זאל מיט ווייבער איז געווען איין לעשייער: אזא קאווער! אזא גליק! אזויפיל אויפמערקזאמקייט שענקען! און וועמען? — א כודיא!

מיין „גליק" האָט לאנג ניט גערויערט, מיין הייליקער גאלאן האָט געמוזט איבערייסן דאָס קארטעזשירן, ווייל מען האָט אים אי־בערגעשיקט קיין מאר דעל פלאטא, קעדיי דארט, אפאנים, אריינ־צוווארפן אין דער טיפעניש פון דעם יאם זיינע זינדיקע מאכשאוועס.

די פריווילעגירטע

פאראן אין שפיטאָל קראנקע, פאר וועלכע מען דארף זיך היטן. ניט פון זייערע אנשטעקנדיקע קראנקייטן דארף מען זיך היטן, — פון די העלפט ניט דאָס היטן זיך אין שפיטאָל, וואו מען קלאסיפיצירט די קראנקע ניט לויט זייערע אנשטעקנדיקייט, נאָר לויט דער ספעציא־ליטעט פון די דאקטוירים, — היטן זיך דארף מען פון זייערע צינגער. פריווילעגירטע זיינען עס. די פריווילעגיעס באקומען זיי ניט א דאנק זייערע איבעס, נאָר טאקע א דאנק זייערע צינגער.

פארזינדיקט זיך א ניט פריווילעגירטע קראנקע אקעגן איינער אזא פריווילעגירטער, איז צארעס, טוט מען איר אין טויט אפּיין, ביז זי אנטלויפט און אנטלויפט זי ניט אליין, שרייבט מען זי אויס, מיטן טערעץ, אז מען באַדאַרף ס'בעטל.

פאראן פּריווילעגירטע, וואס ווערן דאָס באלד ווי זיי קומען אָן אין שפּיטאָל; באלד ווי זיי קומען, ווערן זיי גוטע שוועסטער מיט דער „קאבא" און מיט די קראנקן שוועסטער. זיי קומען אין שפּיטאָל אַריין מיט דער פּראקטיק און מיט דער לעבנס כאָכמע פון קנעכט, וואס זוכן צו געפעלן דעם באלעבאס מיט כניפע, מיט שפּיאָנעריי און מיט פּאראט פון די ענלעכע צו זיי. פאראן אויך אזעלכע, וואס ווערן עס ערשט דא אין שפּיטאָל, נאָך דעם ווי זיי שטייען אויס גרויסע צאַרעס פאר זייער אומאָפּהענגיקייט. זיי ווערן דאָ „קלוגער".

אָט די פּריווילעגירטע זיינען עס, ערשטנס, די וואס איר זעט זיצן די גאנצע צייט און שטריקן טישטעכלעך, סוועטערס, שפּיצן. ניט פון זייערטוועגן שטריקן זיי עס, נאָר פאר דער קאבא מיט די קראנקן שוועסטערס. דערפאר זיינען זיי פּאטער פון די שפּיטאָל רעגלאמענטן: זיי קענען זיצן האלבע נאכט אין קארידאר, טרינקען מאטע און פּלוידערן און לאכן אפן קאל, זיי מעגן זיך אומדרייען איבער דער סאלע א גאנצע נאכט און שטערן די אנדערע זייער רו, בעיס די אנדערע שטייען אויס א שטרענגע דיסציפּלין ווי די ארעסטאנטקעס. אפן צווייטן פלאן קומען די „ארויסהעלפערנס". זיי העלפן א רוים די קראנקן שוועסטער ביי זייער ארבעט. זיי טראגן אונטער די אורין קיילע, בייטן די וועש פאר יענע וואס קענען זיך ניט פון אָרט רירן, כאָטש פיל מאָל קומט אויס אזא קראנקען אומזיסט צו ליידן פון זייער ניט פּראקטישקייט.

צום סאָף קומען די וואס טיילן אויס דאָס עסן. אינדערפרי, ווען די דאקטוירים זיינען דא, פארנעמען זיי זייערע בעטלעך, עס טיילן ארוים דאָס עסן די קראנקן שוועסטער. דעם אוונטמאָל אבער טיילט שוין ארוים אן אסמאטישע פרוי וואס שטייט איבער די טעלער און סאפּעט און כראקעט און מישט אוים איר פּארע מיט דער פּארע פונעם עסן. מער ווי איין קראנקע האָט שוין צוליב דעם דאָס עסן אוועקגעשטעלט.

די אלע פּריווילעגירטע האָבן דאָס רעכט צו וואשן זייערע זאכן אין דער אינעווייניקסטער „פּילעטע" און צו פּרעסן מיטן עלעקטרישן אייזן וואס יעדער אנדערער איז עס פארבאטן. זייער אויפהאלט אין שפּיטאָל איז א אומבאגרענעצטער, זיי קענען דאָ זיין אכט און צען

און אפּילע פּופּצן כּאַדאַשים, זיי דערהוילן זיך, באַקומען פּיסקעס פון לעקן די פאַרזשאַווערטע בלעכן פונעם עסן און צאָלן דערפאַר מיט פּליאַטקעס, מיט פּוצן די שיך דער הייליקער שוועסטער און מיט וואַשן דעם פּאָל באַ איר אין צימער.

פּאַנטשיטאַ

פּאַנטשיטאַ איז איינע פון די פּריוועליגירטע. זי איז אַ מיטל יאָריקע שפּאַניערקע, אַ קורץ־געוויקסיקע, מיט אַ פולן ווייסן און לויטערן פּאַנעם: גראָבע, ווייסע אָרעמס; דער קאָפּ מיט אַ קורץ געשוירענער „מעלענע”; אַ רווישעסדיק פאַרשנירעוועט פּיסקל און צוויי גרויסע, נאָר בלינדע איבערגעקערטע אויגן.

שוין פינף יאָר ווי זי איז אין דער סאַלע. דריי מאָל האָט מען זי שוין אָפּערירט אַף די אויגן, נאָר אַלץ אָן רעזולטאַט.

שטענדיק גייט זי אום אין אַ ווייס פאַרטוך און מיט פאַרשאַרצטע אָרבל און מיט אירע בלינדע אויגן איז זי פול אין יעדן ווינקעלע. איר אַרבעט איז וועש אויסצוטיילן, זי טיילט אויך אויס פּרוכט און וואַשט ס'געפּעס. באַ די הייליקע שוועסטער אין צימער איז זי די גאַנצע באַלעבאַסטע. אַלצדינג ווייסט זי און אַלצדינג טראָגט זי אַפּ דער שוועסטער. צען דעטעקטיוון וואָלטן זיך ניט דערוואוסט דאָס וואָס פּאַנטשיטאַ דערוויסט זיך פון איינמאָל דורכדרייען זיך די סאַלע. זי כאַפּט אויף יעדן וואָרט, יעדן קער פון אַ קראַנקער און ווייסט שוין וואוהין און צו וואָס דאָס געהערט.

— טשיקאַס, קאַזשענסע!*) — דערהערט זיך איר שאַרפער קוויטשיקער באַפעל איבער די סאַלע און, עס ווערט שטיל.

אַז זי איז נישטאָ אין סאַלע, ריידן צווישן זיך די קראַנקע:

---

*) פריילײנס, האַלטן דאָס מויל

— א שאַד וואס פּאַנטשיטאַ איז נישט טויב.. ,
— גאָט ווייסט וואס ער טוט, ווען פּאַנטשיטאַ וואָלט נאָך געהאַט אויגן, וואָלט געווען ניט אויסצוהאַלטן..
נאָר באַלד דערהערט מען אירע שטילע געניווישע שפּאַן און מען ווינקט זיך איבער דערשראָקן.
— שווייגט! פּאַנטשיטאַ גייט!..

די אַרעסטאַנטקע

פּונקט קעגנאיבער מיין בעט איז געלעגן א יונגע פרוי, א שטאַרק אָפּגעשוואַכטע פון ליגן גאַנצע טעג אין בעט און ניט אַראָפּגיין. א סאַך מאָל פלעגט זי ליגן און מיט ברייט צעעפנטע אויגן אַזוי לאַנג קוקן פאַר זיך, ביז זי פלעגט אויסברעכן אין א היסטעריש געוויין. זי פלעגט זיך בייסן די הענט און וואַרפן אַזוי לאַנג, ביז זי פלעגט זיך אַליין באַ־רואיקן.

דער איינציקער וואס פלעגט צו איר צוגיין איז געווען א הויכער שוואַרצער וויזשילאַנט מיט א ברייט פלאַשטשיק פּאַנים און קליינע שוואַרצע אייגעלעך, ווי בא א כינעזער. ער האָט זי געהיט. אַן אַרעסטירטע איז זי געווען. די פרוי פלעגט דעמאָלט נאָך שטאַרקער אויפ־ציטערן און ווידער אויסברעכן אין א יאָמערלעכן געוויין.

די קראַנקע האָבן זי אויסגעמיטן, בעשאַס די פרוי פלעגט זיך קאַרטשען און וואַרפן אין קאַנוואָלסיעס, פלעגן די ווייבער פאַר־ביישפּאַצירן איר בעט און צוואַרפן א זייטיקן בליק, ווי זיי וואָלטן גע־זאָגט: איך בין א פיינע, מיט דיר וועל איך מיך נישט כאַווערן... אויך קיין געסט זיינען צו איר ניט געקומען.

געווען טעג, ווען זי איז אין באַגלייטונג פונעם פּאָליצמאַן אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן. אָבער אויך דאָרט איז זי אַפּאַטיש אויף דער באַנק געזעסן און געקוקט שטאַר פאַר זיך.

איינמאָל האָט זיך געביטן די וואָך און עס איז אָנגעקומען א פּאָליצמאַן א שטרענגער. ער האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן איר בעט און האָט זי געהיט, ווי א הונט א פרישע בולקע... איר פּנים איז געוואָרן גרין און געל און איר אַזוי אויך פּאַרטריקנטער גוף איז נאָך טרוקענער געוואָרן.

די געסט וואָס זיינען געקומען צו די קראַנקע, האָבן ניט פאַר־פעלט כאַפּן א קוק צו איר און דערנאָך זיך איבערגעוואָונקען מיט די קראַנקע און זיך נאָכגעפרעגט פאַרוואָס זי איז אַרעסטירט.

געוואָרפן האָט זי זיך אַזוי לאַנג אָפן בעטל, געקרעכצט און נערוועאיש זיך געבראָכן די הענט, ביז זי איז פאַרזונקען געוואָרן אין א שווערן שטילשווייגן.

אַזוי שטיל איז זי געוואָרן, אַז איינמאָל אין א באַנאַכט איז דער פּאָליצמאַן צו איר צוגעגאַנגען, אָנגעריבן א שוועבעלע און זי גע־זוכט.

דאָס שוועבעלע, אַפּאַנים, האָט זי אונטערגעצונדן. זי האָט זיך אויפגעזעצט און צעשריגן אָפן ווידשילאַנט, אַז זי איז ערלעכער פון אים און פון דער גאַנצער פּאָליציי, וואָרים מען האַלט זי דאָ אומ־זיסט.

אין סאַלע איז געוואָרן א ראַעש, די קראַנקע האָבן פּראָטעס־טירט: סטייטש אַזאַ פרוי, און זי וואַגט צו באַליידיקן די אָרדענונג!...

גאַנץ פרי איז צוגעקומען די הייליקע שוועסטער און האָט בא איר צוגענומען דעם אַלטן בלויען מאַנטל, וואָס זי האָט מיט זיך גע־האַט. „דער דאָקטער — האָט זי געזאָגט — האָט פאַראָרדנט בא דיר דיינע קליידער צונעמען.. פירסט זיך אויף נישט גוט"... וויפל די אַרעס־טירטע האָט זיך בא איר געבעטן, איר די הענט געקושט, זי זאָל בא איר דעם מאַנטל ניט צונעמען, האָט איר ניט געהאָלפן. קאַלט האָט די שוועסטער געענטפערט: „ס'איז א באַפעל פונעם דאָקטער!".

צוגענומען דעם מאַנטל, האָט מען בא דער אַרעסטירטער צור־געגומען דאָס פרישע ביסל לופט פונעם גאָרטן און זי פלעגט שוין ליגן גאַנצע טעג פיזיש און מאָראַליש נאָך מער צעבראָכן, מיט די הענט אונטערן קאָפּ און קוקן אָפ דער סטעליע. אין דער טויטער סטעליע האָט זי מער טרייסט געפונען ווי אין די אַרומיקע לעבעדיקע מענטשן.

אז איר ווילט און אויב איר זייגט געניגט צו זעלבסט אנאַ־ליז, קענט איר געפינען אין אייער אייגן לעבן מאָמענטן ענלעכע און זיך שטעלן אף איר ארט און אויך פילן די שולדיקייט פאר איר, וואס איך האָב געפילט און עפשער אויך האָבן דעם זעלבן באַנגער ווי איך אויסצולייזן מיט מיין פריינטלעך ווארט די אומפריינטלעכקייט צו איר מיצאד דער גאַנצער סאַלע.

איינמאָל ווען זי איז אזוי געליגן, בין איך צוגעגאַנגען צו איר און זי געפרעגט צו זי קען מיר לייען איר טינט און פעדער. — זי פלעגט אפט שרייבן. — זי האָט מיך אנגעקוקט פארוואונדערט און מיט אומצוטרוי. דאָך האָט זי מיר ניט אפגעזאגט. איך האָב זיך גענומען שרייבן און שפעטער אביסל, ווען איך האָב איר די טינט און פעדער אפגעגעבן, האָב איך זי געפרעגט צי זי נויטיקט זיך אין עפעס. זי האָט מיך אנגעקוקט מיט אירע קליינע און קאפ פארגראָ־בענע שווארצע אויגן. נאָר דעסטמאָל איז אין זיי שוין געווען דאנק באַרקייט און טיפער צאער.

איך האָב מיך אוועקגעזעצט אף איר בעט און האָב פארפירט מיט איר א שמועס וועגן קינאָ בילדער, וועגן שיינע קליידער, וועגן מענער און פרויען... זי האָט זיך געקלאָגט, אז זי ליידט אפן האַרצן, ניט לאַנג ערשט איז עס בא איר געוואָרן, פון א שטארקער אויפרע־גונג איז עס איר געקומען... איך בין געווארן דרייסטער און האָב איר געגעבן פון מיינע פרוכט. זי האָט זיך צוערשט אפגעזאגט, נאָר אז איך בין צוגעשטאַנען זי זאָל מיך ארויסראַטעווען, ווייל כ׳קען אליין א־זויפיל ניט אויפעסן, האָט זי גענומען. געגעסן האָט זי מיט אראָפגע־לאָזטע אויגן, ווי עס עסט א הונגעריקער וואס שעמט זיך מיט זיין הונגער.

די קראַנקע פון דער סאַלע האָבן מיט שטוינען און אפילע מיט פארדרוס געקוקט אף אונדזער כאַווערשאַפט. נאָר, וואס מער זיי האָבן גערעדט אף איר, אז זי זיצט פאר גנייווע, פאר שווינדל, האָב איך איר אַלץ מער ארויסגעהאָלפן מיט וואס איך האָב נאָר געקענט.

א פאר טאָג שפעטער בין איך געליגן אף מיין בעטל און האָב געדרימלט. אין סאַלע איז געווען שטיל. עס איז געווען די שאַ פון רו. כ׳הער ווי עמיצער באַוועגט זיך לעבן מיר. איך עפן די אויגן,

וואו איז די ארעסטאנטקע? א האלב נאקעטע שטייט זי מיט די הענט פארלייגט אפן הארצן און שעפטשעט שטיל: מיין הארצעלע, מיין טייערע „אמיגיטא"*), זאל דיר גאט באלוינען פאר דיין גוטער נעשאמע!...

אז זי האט מיך דערזען א וואכע, האט זי זיך איבערגעבויגן איבער מיר און זיך שטיל צעוויינט: מיין גוט הארצעלע, זאל דיך גאט בענטשן! זי האט זיך צעכליפעט און איז געשווינד אוועק.

דערנאך האט זי מיר שוין דערציילט אז מ'האט זי מיט איר מאן פארמישט אין א שווינדל, אז זיי זיינען ביידע געזעסן אין טורמע, נאר זי איז פון ערגערניש קראנק געווארן און מען האט זי אריינגעגעבן אין שפיטאל. איר מאן זיצט שוין פיר כאדאשים, נאר ביז ס'וועט נישט קלאר ווערן זייער אומשולד, מוזן זיי זיצן. זי האט מיר געוויזן בריוו פון איר מאן און איך האב אנגעהויבן גלויבן, אז מאן און ווייב קענען זיך ליבן. וויפל צארטקייט און פאעזיע! וויפל באזינגען דאס שיינע לעבן זייערס! וויפל טרייסט און האפענונג אף א באנייט שיין לעבן! זי איז פון טוקומען, זי האט געוואלט שרייבן צו אירע ברידער זיי זאלן קומען, נאר איר מאן האט זי אין די בריוו ראכמאנעסדיק געבעטן, ער שעמט זיך מיט זיין אומגליק. זי האט עטלעכע מאל געשריבן צום ריכטער, בריוו, וואס זי האט מיר געגעבן צום לייענען. אין די בריוו האט זי באטאנט זייער אומשולד און פראטעסטירט פארוואס דער ריכטער פאראינטערעסירט זיך נית מיט זייער גוירל. צום סאף זאגט זי אים, אז נישט זיין שוואוע, זי רעכנט אים אז ער איז נישט ערלעך, ווייל ער האלט אוים זיינע פליכטן און פארענדיקט, אז מען ניצט אוים זייער עלנט און ארעמקייט. געוויזן האט זי מיר דערנאך איר דיפלאם, וואס זי האלט בא זיך, אז זי איז א פראפעסארקע פון דאמען שניידעריי און פון האנט ארבעט און איר מאנס דיפלאם אלס קאנסטרוקטאר, און צי זי איז געווען פארמישט אין א שווינדל אדער נישט, קיין אויסזען פון קיין שווינדלערקע האט זי נישט געהאט.

---

*) כאווערטע

שפעטער איז זי צוגעשטאנען צו מיר, איך זאל ברענגען וואל, וועט זי פאר מיר אויסשטריקן עפעס. איך האב אליין נישט געוואלט, זי איז אזוי שוואך, עס איז א פארברעכן זי צו פארמאטערן, נאר אז זי האט זיך געשוואוירן אז עס וועט איר פארשאפן פארגעניגן, האב איך געקויפט וואל...

און דא הויבט זיך שוין אן אן אנדערע סעדרע, ווי נאר די הייליקע שוועסטער האט זי דערזען שטריקן, איז זי גלייך צו צו איר:
— ס'ארא שיינע ארבעט דאס איז!..

— נא. זאגט זי איר — כ'האב געפוילט באם דאקטער מ'זאל דיר אפגעבן ס'מאלביש. זי האט איר צוגעשיקט א פאר פרישע אייער, וואס ביז איצט האט מען איר קיינמאל ניט געגעבן און... א קנויל ביינוול.

— ארבעט מיר אוים — זאגט זי איר — א פאר טישטעכער פארן טיש, וועט דיך גאט באלוינען. דערנאך איז צוגעקומען די קאבא. יענע האט געבראכט פאדים אף פארהאנגען, סאמעט אף קישעלעך און א פאר קליידער אף איבערצוארבעטן.

דאס בעטל פון דער ארעסטאנטקע איז פארוואנדלט געווארן אין א טאזשער, וואו די פרוי איז געזעסן און געארבעט און געשוויצט, שוין נישט פאר דער הייליקער שוועסטער און דער אונטעאפיצירקע, נאר אויך פאר די פריוועליגירטע ארויסהעלפער זייערע.

געווען איז דאס שוין נישט קיין קנעכטישע כניפע, נאר פאשעטע אוממענטשלעכע עקספלואטאציע.

סאריטא

צווישן די קראנקע איז געווען א יונג מיידל פון א יאר פופצנזעכצן. זייער א שטילע, א רואיקע, האט זיך מיט קיינעם ניט געבאווערט און ביכלאל האבן אירע יארן ניט הארמאנירט מיט איר האלטונג: זי איז געווען צו שטיל, שעמעוודיק און דערשלאגן.

איר בעסטע געזעלשאפט איז געווען די הייליקע שוועסטע־ר פון אונדזער סאלע. זי פלעגט דאָס מיידל אפט מיטנעמען אין קלויס־טער אריין און ווען ס'מיידל פלעגט קומען פון קלויסטער, איז זי גע־ווען ווי א באנייטע, עפּעס ווי אויסגעלייטערט, איר בלאס דורכלויכ־טיק געזיכט און איר שמאָל, און אביסל איינגעבויגן גופל איז בא־וועגלעכער געווארן. אין אירע גרויסע, שווארצע, פרומע אויגן האָט זיך אפּגעשפּיגלט די געמיטלעכע געדולדיקייט און גלויבן אין דער צו־קונפט.

בעשאאס זי פלעגט פארבייגיין מיין בעט, האָט זי צו מיר א קוים באמערקבארן שמייכל געטאן, ניט ווי צו קיין פרעמדער, נאָר קיינמאָל האָט זי זיך ניט דערוועגט צו דערנענטערן צו מיר.

איינמאָל ווען זי איז געגאנגען אין קיך נאָך געזאָטענע וואַ־סער, האָב איך זי געבעטן מיר אויך ברענגען א טעפּעלע וואסער. זי האָט נעכאַפּט מיין טעפּל און זיך טייקעף צוריקגעקערט מיטן וואסער.

זי איז שטיין געבליבן לעבן מיין בעט און אין פארלעגנהייט געקוקט אף מיין בענקל. כ'האָב איר געהייסן זיך זעצן אף מיין בעט. זי האָט ברייט צעעפנט אירע גוטע, נאאיווע אויגן און מיר שטיל פאר־שעמט געזאגט:

מיינסט ערנסט?

כ'האָב איר געענטפערט, אז זי קען צו מיר צוקומען, ווען איר הארץ גלוסט. זי האָט זיך ניט דרייסט אוועקגעזעצט אפן ראנד פון בעט, זיך נערוועז געדרייט אף איין ארט, געוואלט עפּעס ריידן, נאָר זי איז גלייך רויט געווארן און דערפילנדיק איר פארלוירנקייט,, איז זי נאָך רויטער געווארן. זי האָט זיך געפּרואווט פארענטפערן. צום סאָף האָט זי מיר עטלעכע מאָל געדאנקט און איז א פארשעמטע אַ־וועק צו איר בעט.

אפן צווייטן טאג האָט זי מיך געזען זיצן אין גארטן און זי איז צו מיר צוגעקומען. זי האָט זיך פארשעמט צעשמייכלט, אזוי, אז ס'גאנצע פּנימל האָט געשיינט. זי האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן מיר און נעפרעגט וואס איך מאך, אף וואס איך לייד.

צווישן קראנקע איז דאָס די ערשטע פראגע און די הויפּט טעַ־מע פון געשפּרעך — און איך איר דאָס זעלבע.

זי טוט א צי מיט די אקסלען, מאכט אן אומשולדיק, קינדע־רישע מינע און זאגט מיר נאאיוו:

— כ'פיל זיך א ביסל שוואך... ס'שטעכט אין די זייטן... נאר כ'ווייס ניט פארוואס כ'פיל זיך א סאך מאל אזוי שווער, גלייך ווי דער גאנצער קערפער וואלט געווען א שטיין, א בליי... און עפעס אזא שטארקע היץ זעצט מיר אין פאנים אריין, אזש דער אטעם ווערט מיר פארכאפט. נאר אזוי איז מיר גארניט.. כ'־ווייס ניט פארוואס — זאגט זי מיר מיט דער זעלבער נאאיווער מינע — די מאדרע*) זאגט, אז מען וועט מיך שיקן קיין ראדריגעז**) מען וועט מיר דארט מאכן לופט נאדלען און מיר אויסטריקענען מיין לונג, וועל איך געזונט ווערן.

— הערסט — זאגט זי מיר ווייטער — כ'ווייס נישט פארוואס די קראנקע פארשטעלן זיך מיט די הענט זייערע מיילער, ווען כ'רייד צו זיי, זיי מיינען אפאנים, אז מיין קרענק איז אן אנשטעקנדיקע. כ'האב דערציילט דער „מאדרע", האט זי מיר געזאגט אז זיי זיינען שלעכ־טע, דערפאר טוען זיי דאס. דו ווייסט — זאגט זי צו מיר, אז די שוועסטער זאגט, אז דו ביסט, ווי א קריסטלעכע. יא, דער „פאדרע" אליין האט מיר דאס געזאגט.

כ'האב באלד פארשטאנען דער הייליקער פאטערל האט געבעך געזוכט א טערעץ פאר דער מאנאשקע, וואס איז פון אים ניט אפגע־טראטן ווען ער האט געוואלט מיט איר ריידן. שמייכלענדיק האט זי מיר געקוקט גלייך אין די אויגן אריין און מיר ווייטער געזאגט:

— די „מאדרע" האט דיך ליב און איך אויך. ביסט אזא גוטע, כ'פיל ווי דיין נעשאמע רעדט צו מיר, גלייך ווי דו וואלסט געווען א קריסטין.

און איך האב דיך אויך ליב, ווייל דו ביסט א קליין נאריש מיידל — האב איך איר געענטפערט.

---

*) די מוטער

**) א סאנאטאריע פאר טובערקולאזע, א שא רייזע מיט דער מיירעוו באן.

זי האָט אנגעכאפּט מיינע הענט און מיט קינדערשער באגייס־טערונג אויסגערופן: ביסט אזא גוטע, אזא גוטע!

פלוצים ווערט זי ערנסט און נאָך א ווײַלע קלערן זאגט זי מיר:

— איז מעגלעך צו לעבן מיט איין לונג?

איך דערציייל איר פון גאנצע ארמייען מיט איינציקע לונגען.

— ביסט אזא גוטע, אזא גוטע! — האָט זי שטיל געפּליסטערט און איינגעגראבן איר קאָפּ אין מיין שויס, נאָר באלד הויבט זי אויף דעם קאָפּ און זאגט מיר טרויעריק שטיל:

— כ׳ווייס נישט פארוואס מען וויל מיך אוועקשיקן קיין ראָדריגעז? כ׳בין דען אזא קראנקע?... כ׳הוסט א קליין ביסעלע... איז עס אזא „גראן קאָסא".*) דאָ בין איך שוין היימיש, דאָ האָב איך די „מאדרע", זי איז אזא גוטע, כ׳האָב ליב די „מאדרע"... אירע אויגן זיינען דערביי געווארן אזוי ערנסט, באטריבט און א טיפער קינדערישער צאער האָט פון זיי ארויסגעקוקט.

— זאגט מיר כ׳בעט אייך, איר האָט טאטע מאמע?...

— נאריש קינד וואס דו ביסט! און ווער האָט דאָס ניט?...

— איך האָב ניט! — האָט זי אומעטיק אויסגערופן.

— נו, סאריטא, ביסט נאריש! ווייסטו דען ניט, ווען מענטשן ווערן אלט מוזן זיי שטארבן.

— וואס נאָר אלטע שטארבן? — האָט זי צעשראקן אויסגערופן, און פארוואס זיינען מיינע עלטערן געשטארבן, ווען כ׳בין קויב פינף יאָר אלט געווען? זי נעמט ארויס א קליין איינגעפאסט בילדל פון בוזים, וואס האָט אף א פראסט, שמאָל קייטעלע געהאָנגען אף איר האלדז.

— דאָס איז דער אנדענק פון מיינע עלטערן. און זי דערציילט מיר, אז ווען אירע עלטערן זיינען געשטארבן האָבן זי גוטע מענטשן ארייננגעגעבן אין א פארמאכטע שולע. צען יאָר איז זי דארט געווען און שוין דריי מאָנאט, אז זי איז אין שפּיטאָל.

---

*) גרויסע זאך

כ׳האָב זי געפרעגט, ווי מען באהאנדלט זיי דארט און זי ענט־ פערט מיר:

— אָ ס׳איז דארטן גאנץ גוט, נאָר מיר מוזן א סאך דאווע־ נען און דעם ערשטן האלבן טאג האָבן מיר אלע מיידלעך געמוזט טון אונדזער ארבעט שוויגנדיק. ס׳זיינען פאראן שלעכטע, וואס פאלגן ניט, באשטראפט מען זיי. זיי מוזן שטיין אף די קניעס, ביז... די „מאדרע" טערעסא הייסט זיי אויפשטיין.

זי דערציילט מיר אז אין דער פרייער צייט פלעגן זיי שטריקן, נייען פאר רייכע באלעבאסטעס. און די „מאדרע" האָט זיי באהאלטן ס׳פארדינסט. נאָר דאָך — כאפט זי זיך — האָב איך געביטן מיין מיינונג. וויפל כ׳בין געווען אין שולע האָט זיך מיר געדוכט, אז קיין בעסערס איז נישט פאראן, נאָר איצט זע איך מיין טאָעס; דאָ אין שפיטאָל איז דאָך אזוי גוט! סארא פרייקייט! כ׳שטיי אויף ווען איך וויל און כ׳ליג זיך ווען איך וויל... אך ווי גוט דאָ איז! כ׳וואלט שוין געוואלט בלייבן דאָ אף שטענדיק.

כ׳האָב זי שוין מער ניט געדארפט פרעגן, ווענן איר לעבן צווישן די הייליקייטן. איר פרייען זיך מיט דער שפיטאָל פרייהייט האָט שוין אלץ דערציילט.

ווי לאנג זי איז קראנק? — איצט — זאגט זי, איז זי שוין געזונט. דארטן איז זי געווען שטארק פארקילט, זי איז דריי מאָל צוריקגעפאלן נאָך דער גריפ, וואס זי איז ניט אויסגעליגן... די שוועס־ טער זאגן, אז מען דארף זיך ניט צוגעוואוינען ליגן אין בעט. כ׳האָב שטארק געהוסט — דערציילט זי — און איינמאָל אין א נאכט האָב איך געקראגן היץ. כ׳האָב אויסגעשפיגן עפעס אזא גרוים, פארקאָכט שטיק, אזוי ווי לעבער איז דאָס געווען, נאָר די „מאדרע" האָט גע־ זאגט ס׳איז גארנישט, ס׳איז די יערושע פון מיינע עלטערן... זי האָט דערביי א זיפץ געטון:

— אך, ווי גוט ס׳איז צו האָבן עלטערן! זיי קושן, גלעטן זיי־ ערע קינדער, ס׳איז אזוי שיין, אזוי שיין! די „מאדרע" האָט מיך קיינמאָל ניט געגלעט!

זי האָט פארדרייט מיט די ליפלעך, ווי א קליין באָוולט קינד.

— כ׳האָב געזען, ווי דו גלעטסט דיינע קינדערלעך און ס׳איז געווען עפּעס אזוי שיין! אזוי שיין!

זי האָט אריינגענומען איר פּנים אין ביידע הענט אריין און איז אנטשוויגן געוואָרן: נאָר באלד ווענדט זי זיך צו מיר מיט די ווער־טער:

— ס׳איז עמעס אז עלנטע מענטשן, וואס שטאַרבן אין שפּי־טאָל, ווערן נאָכדעם פארברענט?...

— כ׳האָב זי גוט אויסגעמוסערט פאר דער פוסטער נארישער שרעק.

נאָר זי האָט מיך פארוואונדערט אנגעקוקט און טאקע שוין צוגעגעבן:

— כ׳האָב ניט מוירע פארן טויט ווייל די „מאדרע” האָט מיר געזאָגט, אז אלע וואס ליידן אויף דער וועלט גייען נאָכן טויט אין הימל אריין. נאָר כ׳ווייס ניט פארוואס ס׳טוט מיר עפּעס באנג ווען כ׳קלער, אז אין ראדריגעז וועל איך שטאַרבן און קיינער וועט אפילו ניט ווײ־נען נאָך מיר, אפילו קיין בלומען ניט ברענגען... דיר איז גוט — זאגט זי ווייטער — דו האָסט קינדערלעך און נאָך דיין טויט וועלן זיי נאָך דיר וויינען... אך! ווען דו ביסט א קריסטן וואלטן מיר נאָכן טויט געווען צוזאמען, אונטער דער הייליקער מאריעס פליגל... אך, ווען, איר זיינט א קריסטן, א קריסטן!..

נאָר באלד כאפּט זי מיך אן פאר די הענט און זאגט מיר:

— איר ווייסט וואס מיר איז איינגעפאלן?...

— א שטייגער וואס, סאריטא?

— גיט מיר אייער אדרעס, כ׳וועל אפּנעמען מיין געלט בא דער „מאדרע” און דאָס אייך געבן און איר וועט מיך קומען באזוכן!...

— יאָ, יאָ, סאריטא, כ׳וועל צו דיר קומען, כ׳וועל קומען!

— האָב איך איר פארזיכערט.

ס׳ארא גוטע איר זיינט! ס׳ארא גוטע! כ׳וועל גיין אין קלויס־טער און א סאך דאווענען, בעטן די הייליקע זיי זאלן אייך העלפן און אז כ׳וועל צוריקקומען פון ראדריגעז וועל איך קומען צו אייך... כ׳וויל מער ניט זיין צווישן די שוועסטער!...

זי האָט געמאַכט אַ ברויגעזע, צעפּיעסטעטע צורע, ווי אַ קליין קינד וואָס זאָגט זיך אָפּ צו פאָלגן דער מאַמע אַ גאַנג.

כ׳האָב איר אַלץ נאָכגעגעבן און זי האָט מיט טרערן פאַרגאַ־סענע אויגן שטיל געפּליסטערט:

— ביסט אַזאַ גוטע, אַזאַ גוטע!

זי האָט זיך צוגערוקט האַרט צו מיר. אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף מיין ברוסט, זיינען מיר ביידע אומבאַוועגלעך, ווי פאַרגליווערט אויף דער־באַנק געזעסן.

די לעצטע זון שטראַלן האָבן זיך לאַנגזאַם אויסגעלאָשן. אַ שטילער בענאַשמאָשעס האָט באַדעקט דעם גרוי געוואָרענעם הימל, אַ אומהיימלעכע טונקלקייט האָט באַגאָסן דעם גרויסן שפּיטאָל גאָרטן. אַ קיל האַרבסטיק ווינטל האָט זיך מיט אימפּעט אַדורכגעטראָגן, די ביימער האָבן אַ שאָרך געטאָן, זיך אומרואיק צעשאָקלט... די שטי־לע, שווערע קרעכצן פון די אַרומיקע סאַלעס, זיינע זפאַרטראָגן גע־וואָרן מיטן ווינט ערגעץ וויט, ווער ווייסט, עפּשער צו די מישפּאָ־כעס פון די קראַנקע...

פייפנדיק אַ פריילעכן טאַנגאָ, האָבן זיך אַ פּאָר מייסים טרע־גער שנעל אַדורכגעשלייכט און דער באַדמיניען וואָס זיי האָבן אָפן טראָג־בעטל געטאַסקעט, האָט זיך געוואַקלט פון זייער האַסטיקן שפּאַ־נען. די פאַרגעלטע פינגער פון די פיס האָבן אַרויסגעשטעקט פון אונ־טערן לייִלעך און די הענט האָבן מאַכטלאָז געהאַנגען באַ זיינע זייטן, נאָר צום אַראָפּפאַלן.

סאַריטאַ האָט זיך דערשראָקן צוגערוקט האַרט לעבן מיר, און דאָס טרויעריק ווינטל האָט אומאויפהערלעך געבלאָזן, געברומט: דער אָנקום האַרבסט איז נאָענט... האַרבסט! האַרבסט!..

די גרינע גרעזלעך האָבן מוטלאָז אַרונטערגעלאָזט זייערע גע־לע פּלאַטשיקע קעפּעלעך און די ביימער האָבן זיך מאָנאָטאָן געשאָקלט, ווי פרומע אידן באַם דאַווענען. עטלעכע געלע בלעטער זיינען אויף אונדזע־רע קעפּ געפאַלן און אַנדערע זיינען ווי פאַרשעמטע אָפן גראָז פאַר אונדזערע פיס געלעגן.

באַלד האָבן זיך די קירכן גלאָקן פון שפּיטאָל קלויסטער וויי־נענדיק צעברומט און גערופן די קראַנקע צו דער אוונט־טפילע.

סאַריטאַ האָט געציטערט, איר פּנים איז געוואָרן גרין, געפּ־
לעקט. איך האָב זי אַרומגענומען. זי האָט זיך געטוליעט צו מיר
און מיט מיין האַנט געגלעט איר קליינעם קאַלט געוואָרענעם שטערן.

יענער אוונט איז געווען אַ קילער און כמאַרנער, אַ שווערע,
שטיקנדיקע לופט האָט אָנגעפּולט די סאַלע. שווער אָטעמענדיק און
אומרואיק האָבן זיך קימאַט אַלע קראַנקע געדרייט פון איין זייט אויף
דער צווייטער.

די קראַנקן שוועסטער האָט זיך דורכגעדרייט לענגאויס דער
סאַלע, געפּרואווט יעדן די היץ, איינציקע איינגעגעבן אַ מעדי־
צין און איז באַלד אוועק.

באַלד איז זי אין באַגלייטונג פון צוויי סטודענטן צוריקגעקומען.
זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן סאַריטאַן. איר פּנים איז געווען
שטאַרק בלייך און אויפגערעגט. אויף אירע בעקלעך האָבן געברענט
צוויי רויטע קרייזלעך פאַרב. אַ פאַרב וואָס האָט זיך געבליכט, צע־
וואַנדן און באַלד אויסגעלאָשן געוואָרן. די סטודענטן האָבן איר גע־
מאַכט אַן איינשפּריצונג, איר פאַראָרדנט צו זיין רואיק און באַלד
אוועק.

נאָר באַלד איז עפּעס געשען. סאַריטאַ האָט אַ שווערן קרעכץ
געטון און זיך אַ ווײַלע געוואָרגן מיט עפּעס... די קראַנקן שוועסטער
האָט איר דערלאַנגט ס׳נאַכט טעפּל. סאַראַם שכיינים האָבן זיך ברוי־
געזע אויסגעדרייט מיט די רוקנס:

— אַן אָנשטעקנדיקע!

באַלד ווי די קראַנקן שוועסטער האָט פאַרלאָזט די סאַלע, בין
איך גלייך צו צו סאַראַן. זי איז געלעגן מיט אַ גרויסן פּענכער אויז אפן
האַרצן און מיט האַלב אָפענע פאַרגלאָצטע אויגן לייכט געדרעמלט. אין
די ווינקעלעך פון איר עטוואָס צעקרימטן ווײַטיקלעך מויל, איז נאָך
געווען סימאָנים פון בלוט. כ׳האָב קוים אָנגערירט איר האַנט און
זי האָט גלייך געעפנט די אויגן. זי האָט צו מיר אַ שמייכל געטון און
מיר שטיל געזאָגט:

— כ׳האָב זיך געפילט נישט גוט... נאָר איצט איז מיר בעסער...
דער דאָקטער זאָגט ס׳איז גאָרניט... דאָס איז אַ ביסל שלעכט בלוט,

וואס האָט געמוזט ארויסגיין... ס'קומט מיטן אנקום פון הארבסט...

זי האָט מיר אנגענומען פאר די הענט און געגלעט. איך האָב זיך אוועקגעזעצט לעבן איר און זי האָט מיר געקוקט גלייך אין די אויגן אריין און שטיל געפּליסטערט:

ביסט אזא גוטע, אזא גוטע!

אַלע מענער דארפן טראגן הערנער

זי איז פון מיין סאלע. א האלבער קערפּער איז בא איר פּאראַליזירט, דאָך איז זי שלאנק, עלעגאנט, האָט שאטענע, גיכער, קופּערנע האר, גרויסע, ברוינע טרויעריקע אויגן און א קליין געשניצט פּיסקל. שטענדיק טראגט זי שיינע זיידענע קימאָנעס, קורצע וואלענע זעקלעך און ווייסע גרינגע שיך. אין סאלע כאווערט זי זיך נישט מיט קיינעם, נאָר אזוי ווי זי איז האלב פּאראליזירט, פירט זי איינע א קראנקע ארוים אף שפּאציר און פירט זי אויך אריין. די ווייבער אין סאלע שמועסן צווישן זיך, אז זי איז אן אלמאָנע צי אן אגונע און האָט א זון א מאמזער, וואס קומט צו איר אף באזוך.

איצט זיצט זי אין גארטן און לעבן איר איר זעכצן יאָריקער זון. ער איז א הויכער א שלאנקער, מיט א רונד ווייס פּאנים און בלויע קינדערישע פרייליכע אויגן. ער רעדט צו איר זייער האסטיק און דאך איינגעהאלטן. זי האלט זיינע הענט אין אירע און יעדן מאָל וואס זיינער א זשעסט דריקט אוים עפּעס א געדאנק, ציט זי אים צו זיך:

קינד מיינס זונדעלע, טאָטיטאָ קערידאָ! — און איר האלבער פּאראליזירטער קערפּער טוט דערביי א ציטער.

דאָס אינגל גלעט איר די האר מאכט קינדערישע פרייליכע האוויעס. ער טוט אלץ וואס ער קען אף צו בארואיקן זיין מוטער. נאָר אז זי איז אלץ נים בארואיקט, ווערט ער טרויעריק ערנסט, און די מוטער ווערט נאָך ערנסטער פון אים.

א שאַ צייט זיינען זיי אַזוי געזעסן, האָבן געשמועסט, זיך גע־סוידעט. און אַז דאָס אינגל האָט זיך אויפגעהויבן זיך צום געזעגענען, האָט זי אים ווידער אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און אירע האַכנאַעדיקע בליקן האָבן אים געבעטן:

— זון מיינער, פאַרלאָז מיך ניט! פאַרלאָז מיך ניט!...

ער טוט אַ מאַך וואָוויליונגעריש מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: „מאַך זיך ניט נאַריש, האָסט זיך אַף װעמען צו פאַרלאָזן" און שפּאַנט אַוועק. די מוטער פאַרבלייבט זיצן און קוקט נאָך דעם הויכן שלאַנקן סילועט, וואָס פאַרשווינדט אין דער שוואַכער האַרבסטיקער שיין צווישן די צעוואַקסענע בוימער.

— אַרים קינד מיינס! אַרימער זון! — רעדט זי שטיל אַרויס, אַזוי, אַז איך, וואָס זיץ אין אַנדערן עק באַנק, דערהער עס קוים.

דאָס אינגל קוקט זיך אום, ווי ער וואָלט דערפילט אַף זיך דער מוטערס בליקן, שיקט איר אַ לופט קוש, כאַפּט אַרויס אַ טיכעלע פון דער אויבערשטער קעשענע, פאָכעט דערמיט און מאַכט צו איר באַרואיקונגס צייכנס.

ערשט דעמאָלט האָט זי אַריינגענומען דאָס פּאָנים אין ביידע הענט און האָט זיך שטיל, נאָר יאָמערלעך צעוויינט.

מיך האָט געצויגן מיט עפּעס צו רעאַגירן. איך בין נאָך גע־ווען אונטער אַ מאָדנעם איינדרוק פון אַ סצענע אין שפּיטאָל, ווי מיי־נע שכיינים, אַ פּאָר יונגע שיקסעס, האָבן געוואונטשן אַ „גליקלעכע רייזע איינער פון די קראַנקע, וואָס איז אַזוי מיעס געשטאָרבן, מיט אַ מרוקע פון ניט אַ דערקוויקלעטן אַקס. זיי האָבן אַוועקגעזעצט זיך דער־ציילן פּיקאַנטע מייסעלעך, איינע האָט צוגעזונגען אַ טאַנגאָ, ווי צו־פרידן וואָס זיי האָבן געפּאַטערט די אומבאַקוועמע שכיינע. בעיס זי איז נאָך געלעגן אַפן בעטל איבערגעדעקט מיט אַ שטיקל טול, וואָס די הייליקע שוועסטער האָט איר אַפן פּאָנים אַרויפגעוואָרפן נאָך איידער זי איז אויסגעגאַנגען און דאָס שטיקל טול האָט זיך אַראָפּגערוקט פון דער לעצטער קאָנוואולסיע און עטלעכע גרויסע פעטע האַרבסטיקע פליגן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט באַ די ווינקלען פון איר מויל און איר אין די נאָזלעכער געקראָכן... און ביכלאַל איז לעצטנס אַזאַ מאָדנע שטי־מונג אין שפּיטאָל. מיטן האַרבסט איז זי אָנגעקומען, די שטימונג.

די מייסים טרעגער האָבן איצט אסאך ארבעט. צוויי דריי מאָל אין טאג קומען זיי ארײַן אין סאלע. אָט איז נאָר וואס געלעגן א מענטש אין בעטל און אט ליגט שוין דער איבערגעקערטער מאטראץ און לופ־טערט זיך... מיר ווילט זיך פון דער שטימונג ארויסקריכן, מיך ציט אָנצוקניפּן זיך צו עמיצנס לייד און פרייד.

נאָר ווי אזוי טוט מען דאָס? צורירן זיך צו פרעמדע וואונדן, דארף מען זיין זייער פארזיכטיק. דערצו האלט זי זיך אין סאלע אזוי פרעמד. אלע דאכט זיך, זיינען מיר זיך פרעמד, פרעמד אין שפּראך, פרעמד אין גלויבנס, אין אנשויאונגען, אין דער פּסיכאָלאָגיע, און דאָך אייגן, די לייד און פרייד בינדט אלעמען צונויף. זי אבער איז אן אויסנאם, א פּאַראָרטייל האָט זיך אוועקגעשטעלט ווי א מעכיצע צווישן איר און די איבעריקע קראַנקע פון דער סאלע, זי האָט א זון א מאמזער... און אָט די פרעמדקייט צו איר, שאפט אין איר אויך פרעמד־קייט צו די אנדערע...

פון דער פארלעגנהייט האָט זי מיך אליין ארויסגעפירט. אז זי האָט זיך א ביסל בארואיקט, האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אָנגערופן צו מיר:

— קוקסט אף מיר, מיסטאמע ווי אף א צעדרייטער... כ׳בין אזוי נערוועז... כ׳קען מיך פּאשעט ניט בארואיקן... איר האָט שוין מיס־טאָמע געהערט פון מיינע איבערלעבענישן?...

איך האָב איר געזאגט, אז ניין, אז איך האָב ניט געהערט, כאָטשע איך האָב עס שוין געהערט דערציילן אף פארשידענע אויי־פאנים.

זי האָט מיך אָנגענומען פאר דער האנט און מיר געזאגט:

— כ׳ווייס אז דו ווייסט יאָ. איך האָב מיך פארטרויט פאר דער פרוי, וואס באדינט מיך, נאָר ווייסן ווייסט די גאנצע וועלט. זיי ווייסן עס פאלש, שלעכט. איך בין בא זיי א פּראָסטע נעקייווע... נאָר קען מען דען פאר יעדן עפענען דאָס הארץ? און אז מען עפנט יאָ, ווערט מען שלעכט אויסגעטייטשט און מען ליידט דערנאָך נאָך־מער...

זי האָט זיך צוגערוקט הארט צו מיר און, ווי זי וואלט זיך מיסוואָדע געווען, האָט זי מיר גענומען דערציילן:

— צו זעקס יאָר בין איך געבליבן א קיילעכדיקע יעסוימע און מיין מוטערס עלטערן האָבן מיך צוגענומען צו זיך. פון קיין שלעכטס האָב איך בא זיי ניט געוואוסט. איך האָב געלערנט, געענדיקט די נאָרמאַל שולע און אף פיאַנא לערערן. צו מיין באַבען פלעגט אריינ־קומען א צוויי און דרייסיק יאָריקער איטאַליעניש̇ער באכער, א לאנדס־מאַן, ניט קיין מיעסער און א רייכער. קעגן מיין ווילן האָבן זיי מיך באַסענע געמאכט מיט זייער לאַנדסמאַן. באַלד נאָך דער באַסענע, האָט ער געקויפט א קליין שיין הויפל, שיין מעבל און א גוטע פיאַנא. ער האָט מיך שטארק ליב געהאַט...

— און דו אים? — פרעג איך זי. זי קוקט מיר מיט א צווייפל אין די אויגן, נאָר באַלד ענטפערט זי:

— איך אים? איך ווייס ניט! כ'האָב געטון אלץ וואס ער האָט געהייסן, נאָר צי איך האָב אים ליב געהאַט, ווייס איך ניט, ווייל ער איז מיר דערגאַנגען די יאָרן. ער איז געווען זייער איפערזיכטיק, פּאשעט מעשוגע דערצו האָט ער זיך איינגערעדט, אז איך בין א לעבנס־לוסטיק, א ראמאַנטיש און אז איך וועל אים פאַראַטן. דעריבער האָט ער מיר געמאַכט לאַנגע שוואַרצע קליידער, מיט האַרטע אויפגעשטעלטע קעלנער. — פיינע פרויען — האָט ער געטיינעט — טאָרן ניט וויזן זייער לייב.... זיינען מיר געגאַנגען אין קינאָ און איך האָב מיך פאַראינטערעסירט מיטן בילד, האָט ער מיך אנגעכאַפּט פאַר א האַנט און קימאַט געשריגן, אז איך האָב מיך שוין פאַרליבט אינעם אַר־טיסט. — אויסוואורף, האָסט דיר שוין דאָ צוגעקוקט א באַכער... איך וועל הארעווען און דיר געבן לוקסוס און דו!... אין גאַס צווישן פריינט, האָב איך שטענדיק געמוזט זיין ערנסט און שטייף. עס פלעגן טרעפן, אז נאָך אזא איינהאַלטן זיך, האָב איך אויסגעפּלאַצט מיט א ווילד געלעכטער. דעמאָלט פלעגט ער מיך אהיימנעמען, מיך גוט אנזידלען און געשריגן אז אלע פרויען זיינען אומאָראַליש, ווען ניט זיי, וואלט קיין פאַלשקייט ניט עקזיסטירט...

בעשאַאסן דערציילן, האָט די ברוסט בא איר אזוי שטאַרק זיך געהויבן, די ווינקלען פון מויל זיינען בא איר געווען טויט בלייך און דער קראַנקער קערפּער האָט שרעקלעך געציטערט. איך האָב איר גע־פּרוווט באַרואיקן און האָב איר געבעטן זי זאָל איבערלאָזן דאָס

דערציילן אף אן אנדערמאָל. זי האָט זיך פארשעמט און באליידיקט געזאגט:

— איך עפן פאר דיר מיין הארץ, איך גים פאר דיר אוים מיינע שווערסטע איבערלעבענישן און דו ווילסט מיך ניט פארשטיין.

איך האָב מיך אנטשולדיקט, אז איך מיין איר טויווע, נאָר זי האָט מיר ווייטער דערציילט.

...ער האָט פארטריבן אלע אירע כאווערטעס און לאנדסלייט און דאמאָלט איז זי אנטלאָפן צו איר באבען. נאָר די באבע איז זייער א פאנאטישע א צורי קנעשטאנענע, דער מאן איז געגליכן צו א קעניג, האָט זי איר געגעבן צו פארשטיין, אז מען מוז אוים־פאָלגן זיינע באפעלן און נאָכקומען זיינע פארלאנגען און א פרוי וואס טוט דאָס נישט איז א פאלשע.

— איך — זאגט זי — האָב גוט פארשטאנען מיין לאגע, כ׳האָב גארניט געקענט טון. אנטלויפן האָב איך מיך געשעמט פאר מענטשן. א כוץ דעם, בין איך צום יאָר געוואָרן מוטער. ער איז געווען מעשוגע פון גליק, האָט צוגענומען פאר מיר א דינסט און צו־געטיילט אלדאָס בעסטע נאָר צו וואס האָבן מיר געטויגט זיינע לאָס־קעס מיט די אלע גליקן, אז מיין געזונט האָט אנגעהויבן אונטער־געבראכן צו ווערן צוויי יאָר נאָך דער כאסענע — זיבעצן יאָר בין איך דאן אלט געווען — האָב איך געקראגן א הארץ־שלאָג. מיין מאן האָט גערופן די בעסטע דאקטוירים, יעדן יאָר האָט ער מיך גע־שיקט קיין מאר דעל פלאטא און... נאָכדעם פלעגט ער מיך פארשן, גריזשען, וויפל געליבטע כ׳האָב דארט געהאט...

יאָ! — האָט זי האסטיק אויסגערופן. — כ׳האָב אים געוואָ־לט פאראטן, נאָר מיין שטאָלץ האָט מיך ניט דערלאָזט. א סאך מע־נער טרייבן זייערע פרויען צו נארעריי און זייער גלייך טוען זיי, די פרויען!... ניט אזוי ווי איך, אפלעבן יאָרן לאנג און ערשט!... זיבעצן יאָר האָב איך מיט אים אפגעלעבט, זיבעצן שווערע, טרויריקע יאָרן געליטן און געשוויגן, אליץ צוליבם מיין זון צוקונפט, און ער, דער מאָראל פרעדיקער, ער האָט פאר זיין זון ניט געזאָרגט..

זי רוט זיך אפ, ווישט אפ די טראפן שוויים פון איר פא־נים און די טרערן. וואס זיינען איר פון די אויגן געראָנען.

— וואס זשע איז געווען דער סאף? — האָב איך זי שוין נייגעריק געפרעגט:

— דער סאף? — אָט האָסטו דעם סאף: אין א שיינעם טאָג האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אפגעפארן קיין מאָנטעווידעאָ און איז שוין צוריק ניט געקומען.

— און מיט אים וואס איז געווארן?

— מיט אים? ער האָט זיך דארט באזעצט מיט א געליבטער, מיט וועלכער ער האָט שוין זייט עטלעכע יאָר געהאט באציאונגען... נו, זאג דו אליין — זאגט זי צו מיר מיט איינגעהאלטענע טרערן — טוט אזוי א מענטש מיט געוויסן? ער האָט פארקויפט די שטוב און ווען מען איז געקומען מיך ארויסזעצן, האָב איך באקומען א נערוון דערשיטערונג און א פאראליטש אף א האלבן קערפער. נאָר דאָס איז נאָך ווינציק פאר דעם טיראן! — האָט זי געבייזערט א ביינערדיקן פויסט — איצט איז ער געקומען און וויל בא מיר צונעמען מיין איינציקע טרייסט. דאָס קינד. נאָר איצט וואלט איך שוין ניט געשוויגן, כ׳וואלט אים דערהארגעט, דערהארגעט אף טויט!...

זיי האלטן זיך אויף, זי מיטן זון, בא אן אלטער מומען — דערציילט זי דערנאָך, ווען עס גייט איר אפ דער קאָעם — און דער זון גייט לעקציעס אף פיאנא.

— טוט דיר ניט באנג דער מאן? — האָב איך בא איר א פרעג געטון, זי האָט א גאליקן שמייכל געטון: — דו ווייסט וואס מיר טוט באנג? וואס איך בין אים געבליבן געטריי... ניט ווערט זיינען אזעלכע מענער צו בלייבן אן הערנער. אלע מענער דארפן טראגן הערנער! און זאלן זיי ניט זיין אין אלץ די זיגער! אך, ווען ער קומט צוריק! ער וואלט שוין בא מיר געטראגן הערנער!

איר קראנקער גוף האָט גענומען ציטערן און א שטילער טרויער האָט פלוצים איר פאנים פארצויגן. זי האָט אירע אויגן אראפגעלאזן און האָט מיט איר געזונטער האנט געצערטלט די געליימטע, וואס איז פארבונדן געווען מיט א ווייס זיידן טיכל און האָט וואס ווייטער אלץ שטארקער געציטערט.

א מעלאָדראַמע

אינטעליגענטע מענטשן, מענטשן מיט א ליטעראַרישן געשמאַק, די וואס מען רופט פיינשמעקער, האלטן נישט פון מעלאָדראַמע; מעלאָדראַמע איז באַנאַל, זיס, איינגעמאַכץ... און זיס האָבן ליב נאַראַנים. פונדעסטוועגן האָב איך זעלטן געטראָפן א קלוגן מענטשן זיך אָפּזאָגן פון איינגעמאַכץ און האָב שוין א סאַך מאָל געכאַפּט מענטשן מיט ליטעראַרישן געשמאַק ווישן זיך בישטיקע, אז קיינער זאָל ניט זען, די אויגן בא א מעלאָדראַמע אין טעאַטער.

איך זאָג עס ניט קעדיי צו באַרעכטיקן די מעלאָדראַמע און זי גוויטיקט זיך ניט דערין. זי האָט זיך דאָס רעכט אַליין גענומען. זי האָט זיך פונעם טעאַטער, פונעם קינאָ, פונעם העכסט שפּאַנענדיקן ראָמאַן, אַריינגעבאַפּט אינעם לעבן, אין דער ווירקלעכקייט גופא. און ווילט איר מיר ניט גלויבן, טאָ הערט אוים וואס עס האָט פּאַסירט פאַר מיינע אויגן.

אין אַן אוונט, ווען מיר זיינען שוין געלעגן אונטער די דעקעס, וויים צוגעראַמטע, מיט די פּעניִמער אַרויף, ווי הייליקע ווייסע מומיעס און בלויז אין מויעך בא אונדז האָבן מיר שוער פאַרדייעט די דראַמאַטישע און טראַגיקאָמישע קאָנפליקטן, וואס שאַפן זיך פון קראַנק ווערן, צוגעזעענע אין שפּיטאָל גאַרטן, צווישן מאַן און ווייב, אין יענעם טאָג פון באַזוך, האָט אונדז צערודערט א פּלוצימדיקער גערויש פון א סאַך קוילעס וואס האָט זיך אין דער טיר אַריינגעריסן און אַן אויפבילץ פון דער גאַנצער עלעקטרישער באַלייכטונג אין דער זאַל.

אין דער טונקלקייט זיינען פאַר מיינע האַלב צוגעמאַכטע אויגן געהאַט פאַרבייגעגאַנגען די סצענעס פון בייטאָג: א מאַן וואס פילט זיך דערשלאָגן דערפון וואס מען האַלט בא אויסשרייבן דאָס ווייב פון שפּיטאָל און דאָס ווייב וואַרפט אים פאָר אז ער פלירטעוועט מיט די

געזונטע ווייבער פונעם הויף; א לײדנשאַפטלעכע מיטליאַריקע שפּאַנ־יערן מיט א געזונטן שמייכלדיקן נענער, וואס קושן זיך און לאַכן פונעם טויט, וואס האָט באַזעצט מיט אומגעזונטע רויטע פליאַמען אױף אירע באַקן און דערשרעקן זיך פאר דער היילִיקער שוועסטער: אַן אַנעמישע געוועזענע דינסט, גנל ווי א דיניע, וואס האָט ביזן גרויען צאָפּ אַנגעקליבן נאַדן פאר אַן עלעגאַנטן הויכן מאַן, וואס וואַרט איצט אויף איר טויט... דער גערויש און די שטאַרקע שיין האָט די גאַנצע גאַלעריע דראַמאַטישע און טראַגי־קאָמישע פארלעך פאַרטריבן.

איצט שטייט שוין אינמיטן זאַל א טראַג־בעטל אַרומגערינגלט פון א מאַכנע פּראַקטיקאַנטן, פון עטלעכע יונגע פרויען מיט שאַלן אַרויפגעוואָרפענע איבער לאַנגע ראָזעווע נאַכט העמדער און הילצערנע שטעק שיך אויף די באָרוועסע פיס. אויפן טראָג בעטל ליגט א שיינהייט. א רונדיק בלייך פּנים מיט פאַרמאַכטע אויגן שיינט אַרויס פון א ראַם שוואַרצע זיידענע לעקלעך, אַרומגעבונדענע מיט א העלבלויע סטענגע. דאָס איינציקע מיעסע אויף דעם שיינעם פּנים, איז א ווייסער שוים ביים מויל. זי האָט זיך געסאַמט.

די פּראַקטיקאַנטן האָבן זיך פאר דער שיינהייט אויף די קניען אוועקגעשטעלט. אויף דער בינע וואָלט עס עלעגאַנטער ניט אויסגעקומען. און עפּשער האָבן זיי עס געזען אַזוי אויף אַן אַלטער אָלעאָגראַפיע וואָס שטעלט פאַר דעם ראַטעווען פון א פּרינצעסן.

ניט די געסאַמטע א זיפץ, און אויך, דאַכט זיך אַזאַ געמאַסטענעם, וואָס זאָל איר שיינקייט ניט שטערן. אָט עפנט זי אירע שיינע שוואַרצע אויגן, אָט רופט זי עמיצן מיט א געפליסטער און די פרויען אַרום איר פאַרברעכן מיט די הענט ווי צו א טפילע און בעטן בא די סטודענטן:

— ראַטעוועט אונדזער שוועסטער! ראַטעוועט זי, ווי גאָט איז אייך ליב!

און דער גאַנצער זאַל צושויער, די אויפגערודערטע קראַנקע פרויען, אַלט און יונג קאָמענטירט:

— א אומגליקלעכע ליבע אַוואַדע... — מיסטאָמע די עלטערן זיך קעגנגעשטעלט...

— פאַרליבט אַוואַדע אין אַן אָרימען באַכער...

— און די עלטערן האָבן צוגעזוכט א רייכן...

— און צו וואס טויג א לעבן אן ליבע?...

א יונג מיידל נעמט זיך צופוצן. טוט אן א ראזעווען קאָפּ־טור און לאזט זיך צו נאנט צו דער געסאמטער שיינהייט. די סטור־דענטן שענקען איר שמייכלען, פארליבטע בליקן און אָט גליען שוין אויגן און ארום דער געסאמטער שאפט זיך א ראמאנטישע אטמאָספע־רע, עס שרייט די ליבע, מיר זיינען אין דער מעלוכע פון ליבע...

און אָט לויפט אריין אא מאן פון א יאָר פופציק. ער איז אויפ־געערגט, בלייבט שטיין פון דער וויטנס. איינע פון די שוועסטער פאלט צו צו זיין ברוסט און כליפעט שטיל:

— פאפא!

ער גלעט זי איבערן קאָפּ.

איך האָב אים דערקענט. דאָס איז דאָך דער שטענדיקער מע־לאָדראמאטישער מאטע פונעם טעאטער!

און לויפט אריין א יונגער באכער, אין א פיזשאמע בלויז, א טונקעלער מיט א געקרויזטן קאָפּ האָר ווי בא א פאריקמאכער.

אויך אים קען איך דאָך. דאָס איז דער ארימער טעאטער באסן.. ער קוקט זיך אף קיינעם ניט אום, לאזט זיך אראפּ לעבן דער גע־סאמטער אף די קניעס, קושט אירע בלייכע שלאנקע הענט, אירע האלב צוגעשלאסענע אויגן און דעם קליינעם ווייסן שטערן. זי צע־עפנט די אויגן, קוקט אים אן און עס ווערן איר די אויגן אנגעפילט מיט טרערן און האָפענונג און אין זאל ווישט מען זיך די אויגן, אויך אויפגעלויכטענע מיט האָפענונג.

נאָר דא באווייזט זיך א צווייטער, — דער צווייטער ליבהאָ־בער — דער רייכער, דער אינטריגאנט, וואס האָט געוואונען כיין אין פאטערס אויגן. ער גייט טאקע באלד צו צום פאטער און פרעגט אים עפּעס.

די געסאמטע שיינהייט מאכט א קרומע מינע, דער ערשטער געליבטער גיט זיך א שטעל אויף. די צוויי ליבהאבער שטעכן זיך דורך מיט די בליקן. דער דאקטער פארהיט פון א סקאנדאל: — מעניאָרעס, נישט דא איז דער פּלאץ! — דער פאטער נעמט אונ־

טערן ארעם דעם רייכן יונגנמאן און ווארפט א בליק פון האס צום ארימען און... זיי גייען אפ. שלום ערשטער אקט.

צווייטער אקט. אין זאל זיינען די לאמפן אויסגעלאשן. בלויז נאענט פון דער געסאמטער שיינהייט ברענט א נאכט לעמפל, וואס ווארפט א מאטע שיין אף אלץ ארום. דער צושויער זאל ליגט מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם אדער קאמענטירט אין דער שטיל. פון יענער זייט אפענער פענצטער זיינען אנגעהאנגען די פראקטיקאנטן און אטעמען פארליבטע אין דער ריכטונג צום טראג־בעטל.

אין מיטן באווייזט זיך דאס שיינע מיידל מיט דעם ראזעווען קאפטור. די בליקן פון די סטודענטן גיבן זיך א קער צו איר און זינגען איר א סערענאדע.

פון דער סערענאדע איז מען איבערגעגאנגען צו א טאנגא און צו נאך איינער אין דער גאנצער צווייטער אקט ווערט פארנומען, א־זוי ווי דער דין איז אין א מעלאדראמע, מיט געזאנג סאלא און כאר.

דער דריטער אקט קומט פאר אין צוויי וואכן ארום. די דאק־טוירים האבן געטון וואס עס איז געווען אין זייערע קויכעס די שיינ־הייט צו ראטעווען. די קראנקנשוועסטערס און די הייליקע שוועסטער האבן געקריגט מאטאנעס פונעם פאטער און פונעם רייכן געליבטן. נאר איצט ווען די האנדלונג קומט פאר, זעען מיר די שיינהייט גראד אף די הענט באם ארימען כאסן מיט דער געקרויזטער פריזור און ער הא־דעוועט זי מיט לעפלעך מילך. און די שטענדיקע בייזע הייליקע שוועס טע ראפילע, וואס וואלט אן אנדערש מאל אזא זאך באטראכט ווי א טיפן פארברעכן קעגן דער מאראל און ווי די העפקיירעס פונעם זינ־דיקן לייב, קוקט דאס צו געמיטלעך און איז, דאכט זיך, אפילע צופ רידן.

אנדערע קראנקע האבן געמורמלט, אז די הייליקע איז צופרידן פון די מאטאנעס וואס זי האט באקומען, נאר איך נעם מיך אונטער צו שווערן, אז איר צופרידנקייט האט געשטאמט פון דעם גוטן אויס־גאנג פון דער פאסירונג, וואס סאפקאלסאף האט די ליבע און די גע־רעכטיקייט געזיגט, ווי אין יעדער גוטע מעלאדראמע.

פאַריזערנס

...די מאדאם רופט אייך!... איר האָט גערעדט מיט דער מאַדאם?... איך גיי אביסל פאַרברענגען מיט דער מאדאם....

אז איר הערט אזויפיל ריידן וועגן דער מאַדאם, פאַרשטייט איר שוין אליין אז זי איז א טווישעוו אין שפּיטאָל און אז זי איז א פראַנצויזקע.

זי איז א פרוי פון א יאָר פופציק, מיט א גלאַט ווייס פּאַנים און מיט אביסל פאַרוועלקטע פארב אף די באַקן. אמאָל זיינען אירע האר געווען בלאָנד, היינט זיינען זיי זילבערנע און ארויפגעקעמטע, די אויגן זיינען ליכטיקע, זארגלאָזע, צוטרויליכע צו יעדן איינעם. דאָס בעטל אירס איז אין אָרדענונג, די קישעלעך ווייס באַצויגן מיט אייגענע געשטיקטע ציכעלעך און זי אליין איז שטענדיק פאַרפּוצט — אין א שיינעם ווייסן געשטיקטן העמד.

זי זיצט קימאט שטענדיק אף איר געשטיקטן בעטל, נאָר קיינמאָל ניט אליין. צו איר בעטל קומען די קראַנקע פאַרברענגען. דעם ערשטן מאָל ווען מיין אויפמערקזאמקייט איז אף איר געפאַלן, זיינען לעבן איר בעטל געזעסן עטלעכע יונגע מיידלעך און געזונגען טאַנגאָס. זי האָט מיטגעזונגען. די „קאַבאַ" די קראַנקנשוועסטער, די דאָקטוירים באַציען זיך צו איר ווי צו אן אייגענער און זי צו זיי ווי צו אייגענע, שמועסן וויצלען זיך...

איך דערוויס מיך זי זיצט אזוי שטענדיק, ווייל די פיס זיינען בא איר פּאַראַליזירט. מען האָט מיך פאַר איר פאָרגעשטעלט און איך האָב א טראַכט געטון דערביי: זיצט א קימאט נאָך יונגע, שיינע פרוי, וואס קען מיט די פיס ניט רירן און איז דאָך אזוי לעבעדיק און מונטער.

זי האָט פאַרשטאַנען וואס איך טראַכט פון איר און מיר א זאג געטון:

— ניטאָ אזא זאך א מענטש זאָל זיך צו איר ניט צוגעוואוי־
נען... אַלץ ווערט נאַטירלעך... מער ניט מען ליידט א סאך ביז מען
הויבט אן לאכן פון די אייגענע צארעס.

אז מיר זיינען היימישער געווארן האָט זי מיר שוין דער־
ציילט, און אַלץ מיט א טרויעריק פאסנדן טאָן:

— ווי לאנג איך בין קראנק? ניט קיין סאך... איננאנצן א
יאר צוועלף...

זי האָט א שמייכל געטון ווי עס וואָלט איר אליין געפרייט,
וואס נאָך צוועלף יאָר ליידן, האָט זי נאָך אזוי פיל מוט צו לעבן,
האָט אוועקגעלייגט די הענט אף איר ווייסן פאדאלעק און גענומען ריי־
דן צו מיר מיט א ליבן טאָן:

— יאָ, מיין פריינט, מיר פאריזערנס זיינען מונטערע פרוי־
ען, מיר קענען לעבן... מיר קענען בלויז ניט צוקוקן ווי אנדערע לעבן
און מיר ניט. — זי האָט אפירגעשלעפט א שפיגעלע פון אונטערן קו־
שן, זיך אנגעשפיגלט און דאָס איבערגעדרייט אף דער אנדערער
זייט: — קוק — זאגט זי מיר, — איך זע דאָ אוים א שלאנקע,ע־
לעגאנטע, אביסל פארשייטע פרוי....

אף דער פאטאגראפיע, וואס אף דער לינקער זייט שפיגעלע,
איז זי געשטאנען מיט א גרויסן באבלומטן הוט אפן קאָפּ און מיט
א בוקעט בלומען אין די הענט און האָט בא מיר ארויסגערופן אין
געראנק די פארבינדונג: פאריז — בלומען, די שטאָט וואו עס וואקסן
עפשער ווייניקער בלומען ווי אין אנדערע שטעט, נאָר וואו מען נו־
צט זיי מער ווי אומעטום .

— אָט אזוי — דערציילט זי מיר — האָב איך אויסגעזען איי־
דער איך בין אוועקגעפארן פון פאריז קיין ארגענטינע...

זי איז שנעל אריבער דערציילן וועגן איר איצטיקער לאגע:

— יאָ, ליבע פרוי, די ערשטע צייט פון מיין קראנקייט בין איך
געווען אויסער זיך פון די וויטיקן, איך בין געווען ווי מעשוגע. דער
שעף פון דער סאלע האָט געזען ווי שטארק איך לייד, האָט ער מיר
געקויפט א פאר־שטול פאר צוויי הונדערט און פופציק פעזעס און האָט
מיך אפגעשיקט אהיים, צו דער פאמיליע, נאָר אין דער היים האָט
זיך פאר מיר אַלץ געענדערט. איך בין שוין מער ניט געווען קיין

נויטיקער מיטגליד אין דער פאמיליע. כאָטש מיינע קינדער האָבן זיך באמיט דאָס ניט ארויסצואווייזן, האָב איך געפילט אז איך פאל זיי צו לאסט. איך פלעג מיד ווערן פון זיצן און פון ארומפארן אין שטול. איך פלעג ווערן הונגעריק, וועלן א טרונק און זיי זיינען פארנומען: זיי ווילן ארויסגיין שפאצירן, קענען זיי ניט צוליב דער מאמען. דער־צו איז מיין מאן אינגיכן געשטארבן, די קינדער זיינען געווארן די שטוב אויסהאלטער און עס האָט זיך גענומען פילן די נויט...

זי האָט אפגעכאפט דעם אטעם און א זאג געטאן מי טא זיפץ:

— נאָר ניט דאָס אינגאנצן האָט מיך פון דער שטוב פארטריבן. דעריקער, איך האָב שרעקלעך שטארק געפילט, אז צווישן געזונטע איז א קראנקער מענטש אן איבעריקער, אפילו ווען די געזונטע זיינען די אייגענע קינדער און דער אייגענער מאן. איך בין אפגעוועזן א פאר כאדאשים אינדערהיים און בין צוריקגעקומען אהער.

— און די קינדער? — האָב איך איר געפרעגט.

— זיי האָבן כאסענע געהאט און איצט האָב איך שוין איניק־לעך. זיי קומען צו מיר יעדן זונטיק, ברענגען מיר וואס איך באַ־דארף און האָבן מיך ליב... זיינען שטאָלץ מיט זייער באבען, דער אַ־מאָליקער שיינהייט...

— ווי זשע קענט איר דאָ לעבן? — פרעג איך זי.

זי קוקט מיך אן פארוואונדערט, ווי איך וואלט זי געפ־רעגט דעם גרעסטן אומזין. זי ציט זיך אוים אפן בעטל, לייגט ארונ־טער ביידע הענט אונטערן קאָפּ און האלב פארמאטערט רעדט זי צו מיר מיט א מידן טאָן:

— צווישן געזונטע וואלט איך געוועזן אן איבעריקע, א נוצלאָ־זע, און דאָ בין איך א נוצלעכער מענטש, אלע ווייסן ווער איך בין, פרעג אף דער מאדאם, וועסטו הערן צו איך נאר דיך אפ. איך שטריק — זאגט זי — א סאך שיינע זאכן פאר דער „קאבא" און די קראנקנשוועסטער און דערפאר האָבן זיי מיך ליב... דעריקער איז וואס איך בין גליקלעך, ווארים איך בין א נוצלעכער מענטש...

אז איך בין אוועקגעגאנגען פון איר האָב איך געפילט, אז זי איז פון דער מינוט אן נאָך גליקלעכער געווארן, מאכמעס זי האָט אויך אנדערע געלערנט ווי גליקלעך צו זיין.

די צווייטע פּאַריזערן אין שפּיטאָל האָב איך געטראָפן נאָכ־לויפן א קעצל און האָב מיך געוואונדערט: אזא געבויגענער, אזא אַלטער גוף און לויפט אזוי געשווינד.

געווען איז זי ניט פון דער סאַלע נאָר זי פלעגט אָפט ארייַנ־קומען, גיכער אריינלויפן, זיך יאָגנדיק נאָך א קעצל, און גערופן האָט מען זי די מוטער פון די קעץ. דער נאָמען האָט זיך גענומען דער־פון וואס זי האָט געהיט די היימלאָזע קעץ און יעדן פאַרנאַכט פלעג זי זיצן אין גאָרטן און צונויפרופן די קעץ אַף נאַכטלעגער.

איינמאָל איז זי ארייַנגעקומען ניט יאָגנדיק זיך, נאָך א קעצל, נאָר נאָך צייטונגען. וואו ערגעץ ס'איז געווען א צייטונג בא די קראַנ־קע, האָט זי צונויפגענומען.

— נאָכוואס דאַרפסטו אזויפיל צייטונגען? — האָב איך זי געפרעגט, און זי האָט מיר דערציילט, אז בא איר אין סאַלע ליגט אן אַלטע פרוי, א אידישע, איז בא איר דער פענכער פּאַראַליזירט און עס גיסט פון איר שטענדיק — זי האָט קינדער, נאָר זיי קומען ניט.

— נעמט זי די פּאַפּירן פון אירעטוועגן, איר אונטערצושפּרייטן. די קראַנקנוועכטערנס, — פאַרענדיקט זי — קענען זיך מיט איר א־זויפיל ניט אָפּגעבן....

איך האָב א קוק געגעבן אַף איר אנגעבויגענעם גרויען קאָפּ, וואס זי האָט דעמאָלט אויפגעהויבן און האָב דערזען א פּאָר מוטנע און דאָך לעבעדיקע אויגן אַף אן אַלט פּאָנים. און אז זי האָט א שמייכל געטון, האָט זיך געדאַכט, ווי עס שיילט זיך אַף דעם א נייע הויט. אירע פּולע רויטע הענט זיינען געווען געקאָרטשעט און האָבן לייכט געציטערט.

— וויפל זיינט איר אַלט — האָב איך זי א פרעג געטאָן. זי האָט זיך צעשמייכלט, זיך געאַישעוועט א ווייַלע, נאָר באַלד האָט זי אַף מיר די אויגן אויפגעהויבן און מיט א שטאָלצן קוק אַף מיר, ארויסגערעדט:

— ניינציק!

זי האָט זיך צעלאַכט, גענומען בא מיר די פּאַפּירן און אי־בערגעכאַזערט:

— ניינציק יאָר!

כאָטש איך האָב שוין געוואוסט, אז זי איז א פראנצויזקע, א פאריזערן, און מען האָט דאָס געקאָנט אויך ארויסהערן פון איר צעבראכענעם שפאניש מיט די ספּעציפישע פראנצויזישע ריישן, האָב איך זי געפרעגט פונוואנען זי איז.

איר פּאנים האָט זיך באלויכטן מיט גליק און מיט דעם שטאָלץ פון א פּאטריאָט, מיט יענעם בליק, וואָס מען זעט אף דעם בילד, ווי דער פּראָפעסער פון דער מארסיליעזע זינגט זיין באגייסטערט ליד צו די קינדער פונעם פאטערלאנד.

קענט איר פראנצויזיש? — פרעגט זי מיך מיט איר שטראלנ־דיקן פּאנים.

ווען איך זאָג איר, אז ניין, בלייבט זי אנטוישט, נאָר באלד ווערט זי ווידער צעשמאָלצן פון נאכעס:

— שפּריכן זי דויטש?

מער אף ניט צו אנטוישן די ליבינקע אלטע, זאָג איך אז איך פארשטיי און דאכט מיר דערביי, אז מיסטאָמע וועלן מיר שוין ווי עס אויסקומען מיט אביסל פארדייטשטן אידיש.

מיר זיינען ביידע ארוים אין גארטן. זי איז ארייגעלאָפן אין איר סאלע אוועקלייגן די פּאפּירן און איז ארויסגעקומען מיט ברילן אף דער נאָז און מיט פאדעם און שפּיזלעך און מיר האָבן זיך אוועקגע־זעצט אף א באנק.

זי האָט פלינק געדרייט מיט די שפּיזלעך און גערעדט צו מיר האלב דייטש האלב שפּאניש, מאכמעס זי האָט אפּאנים באמערקט, אז איר צעבראכענעם שפּאניש פארשטיי איך בעסער ווי איר פּער־פעקטן דויטש.

— יאָ, — האָט זי אנגעהויבן — ניינציק. ניינציק יאָר בין איך אלט געווארן און קיינער גלויבט עס נישט. אָך, נאָר פראנק־רייך, דאָס שיינע פראנקרייך קען געבן אזא טיפע עלטער. ווידער צעש־טראלט זיך איר פּאנים, נאָר אירע מוטנע אויגן ווערן פארגאסן מיט טרערן.

— זיינט איר לאנג אין ארגענטינע?

זי טראכט א ווײַלע, וויל זיך דערמאָנען, נאָר זי ווייסט נישט גענוי.

— עטלעכע יאָר — ענטפערט זי מיט א נאאיוון שמייכל אױף די ליפּן.

— זי זינט יודין?...

— יאָ.

— אויב אזוי קענען מיר ריידן אפנהארציק... — זי בויגט זיך צו צו מיר און קוקט זיך ארום אין אלע זייטן. — דיזע שוועסטער איזט איין בעזעס ווען. — זאגט זי מיר און אין די אויגן בא איר צעצינדן זיך בייזע, נעקאָמעדיקע פייערלעך. — צוויי יאָר ווי איך געפין מיך דאָ. איך האָב נישט קיין היים און דאָס איז געווארן מיין היים. ווי דו זעסט מיך, האָבן די דאקטוירים אויסגעפּונען, אז איך בין פולקום געזונט, ניט מער וואס איך בין א ביסל אפּגעשוואכט. פארט ניט קיין יונגיטשקע!... אזוי אז קיין ארבעט איז לעבן מיר נישט פאַראַן: פארקערט, איך העלף נאָך צו. פאראן א סאך קראנקע וואס מוזן מיך האָבן...

— אָט אזוי — רעדט זי וויטער, אָבער שוין היציק, ווי זי וואלט זיך געאיילט צו עפּעס אן איקער. — אָט איז דאָ געלעגן אן על־טערע פרוי, וואס איך האָב זי זייער אפּגעהיט. איר זון האָט מיר דער־פאר געבראכט אביסל פרוכט און צומאָל א פּאר סענט. יענע וואך איז די פרוי געשטארבן, האָט מיר דער זון אוועקגעגעבן אלץ וואס נאָך דער פרוי איז געבליבן: א פּאר שיך, א פּאר נאכטהעמדער... נאָר הער, הער וואס פאר א שלעכטע מענטשן די הייליקע זיינען! אך, די היי־ליקע ! די הייליקע! — זי איז געווארן ווי אנגעצונדן. — און ווען דער יונגערמאן האָט מיר דערלאנגט די פרוכטן, טיי און א פּושקע צוקער, איז די שוועסטער צו מיר צוגעקומען: „די אלע זאכן געהערן צו דער אדמיניסטראציע!” דער יונגערמאן האָט ניט געוואוסט וואס צו טון און איך, אז איך האָב דערזען איר מערדערישן בליק, האָב איך מיך באלד אפּגעטראגן. און מיט א שא שפּעטער, האָב איך געזען די אלע גוטע זאכן אין איר צימער... און נאָר דאָס; מיינסטו טוען זיי? — זאגט זי וויטער פול מיט צארן — דו ווייסט גארנישט וואס פאר א נידערטרעכטיקע באשעפענישן דאָס זיינען. אומזיסט רופט מען זיי שוועסטער, זיי גאַנווענען, זיי נאשן, אלץ אונטערן הייליקן מאנטל...

זי טוט אוים די ברילן, ווישט זיך אוים די פארטרערט געוואָרענע אויגן און זאָגט:

איך רייד צו דיר פונעם גאנצן הארצן, ווייל דו ביסט א אידישע, איך ווייס, אז איר האָט זיי פיינט, זיי זיינען שלעכט צו אייך, יאָ, איך ווייס אלץ, אלץ ווייס איך.

גייט איר אין קלויסטער? — פרעג איך.

— איך אין קלויסטער? כא־כא־כא! און וואס וועל איך דארטן טון? — זי פארקלערט זיך א ווײַלע, נעמט אָן מיין האנט און זאָגט מיר שוין בארואיקטע:

— קינד מיינס, ווי קען איך גיין אין קלויסטער, ווען די פריידיקער זיינען גאנאווים! זיי פריידיקן מאָראל און נעמען צו בא די ארימע די לעצטע סענטן! צי קען איך שטיין אונטער איין דאך מיט דער שוועסטער, וואס... האָט מיינע פרוכטן צוגענומען? ניין, בא מיינע ניינציק יאָר, קען איך נישט שטיין אין אזא אומריין ארט, צווישן שלעכטע, נאשער, פאלשע היפּאָקריטן.

— יאָ, מיין קינד איך האָב די קאָמונע געזען. איך בין א וועלט אויסגעוואוקסן אין בין שטענדיק ערלעך און די אָ... זיי האָבן מיינע פרוכט, מיין טיי און מיין צוקער...

זי האָט דעם קאָפּ אראפּגעלאזט, ווי זי וואלט זיך אנטשולדיקט פאר מיר. אך, יאָ, זי מוז שוין גיין אויסזוכן א קעצעלע, שוין א פאר שא ווי זי זעט דאס נישט...

די פילאסעמיטקע

אז ס׳איז פאראן אנטיסעמיטן און אנטיסעמיטקעס, ווייסט יעדער איינער. איך האָב דאָס אויך שטענדיק געוואוסט און האָב זיי אפט געזען. נאָר וועגן פילאסעמיטן, אזעלכע וואס האָבן ליב אידן מאכמעס זיי זיינען אידן, האָב איך געהאט זייער א שוואכע פארשטעלונג.

אנטיסעמיטן זיינען בא אונדז אינעם בעסאראבישן שטעטל געווען צוויי שקאצים, איינער וואס זיין טאטע האָט געהאט א שניט־קראם און קויפן פלעגן בא אים נאָר קאצאפעס און דער צווייטער איז געווען דעם מאָנאָפּאָלטשיקס זונדל.ביידע האָבן זיי געלערנט אין דער אויעזדנע אוטשילישטשע און אהיים געקומען זיינען זיי פון דער קרייז־שטאָט אנטיסעמיטן, מיט א זאד אין הארצן אף אידן. פאר־וואס? גיי פרעג זיי. קרושעוואן האָט געהייסן פיינט האָבן אידן.. קיין פילאסעמיטן זיינען בא אונדז אין שטעטל נישט געווען. וואלעכן און אידן האָבן זיך געלעבט ווי א פּאר פאלק, וואס שווערן זיך ניט אין ליבע, נאָר קענען איינער אנעם צווייטן ניט אויסקומען.

נאָר אט איז צו אונדז געקומען דער „רומענער" און מיר האָבן באקומען א לעקציע אין פילאסעמיטיזם.

אין א שיינעם פרייטיק נאָכמיטיק, האָט דער קאָמאנדיר פו נעם רומענישן מיליטער, וואס האָט אקופּירט אונדזער שטעטל, בא־פוילן אז אלע אידן, מיט ווייבער און קינדער, זאלן זיך צונויפקומען אפן פּלאץ, ער האָט זיי עפּעס צו זאגן. עפּעס האָבן אידן פארגע־פילט, אז ס'איז נישט צום גוטן: דער גענעראל האָט געהאט ארויפ־געפאדערט צו זיך צוויי שיינע אידישע מיידלעך, באלעבאטישע טעכ־טער, און זיי זיינען נישט ארויפגעגאנגען, זיי זיינען אנטלאפן פו־נעם שטעטל. באם גענעראל מוז זידן דאָס הארץ אף די אידן: פאר־וואס זיין ליבע צו די אידישע טעכטער איז אזוי אפגעשטויסן. און א־זוי איז עס טאקע געווען.

דער גענעראל מיט זיינע סאלדאטן האָבן שוין אפגעווארט די אידן מיט זייערע ווייבער, מיט די אלטע לייט און יונגע קינדער און מיט די טעכטער — די זין זיינען געווען אף די פראָנטן פונעם גרויסן רומענישן פאטערלאנד — און ווי נאָר די שאבעסדיק פארפוצ־טע איידע איז געווען פארזאמלט, האָבן די סאלדאטן זיי ארומגע־רינגלט און דער גענעראל האָט געגעבן א באפעל: שמייסן! שמייסן אפן הוילן לייב! א גרופּע סאלדאטן מיט קאנטשיקעס איז ארויסגע־טראטן, האָט זיך אוועקגעשטעלט אף אן אפגעריי‍ניקטן ארט אין מיטן מארק ־ פּלאץ און איינעם נאָכן אנדערן אפגעשמיסן, אלעמען, אזוי ווי דער גענעראל האָט באפוילן, אפן הוילן לייב.

איך בין דערביי ניט געווען, איך האָב מיך אויסבאהאלטן בא א שאכן א מערק, און איך קען אייך ניט איבערגעבן דעם אויס־דרוק אפן גענעראלס פּאנים בעיים זיינע זעלנער האָבן געשמיסן, צי האָט ער אנדערש האנאָע געהאט ווען מען האָט געשמיסן א קינד און אנדערש ווען מען האָט געשמיסן אף די אפגעהיטע ערטער פון אידי־שע בסולעס, צי האָט ער אויך האנאָע געהאט פון שמייסן דאָס אל־טע לייב פון זקיינים און זקיינעס. און ווי האָבן זיך געהאלטן די אי־בעריקע אפיצירן, צי האָבן זיי געלאכט אפן גאנצן קאל אדער איינ־געהאלטן. איך וויים נאָר, אז א לאנגע צייט האָט מען אין שטעטל זיך געשעמט קוקן איינער דעם צווייטן אין פּאנים אריין.

נאָך אָט דער מייסע, זיינען צוויי רומענישע אפיצירן געזעסן אין א אידישער שטוב, וואו זיי פלעגן אריינקומען עסן אידישע פיש און פלירטן מיט די אידישע טעכטער. זיינען זיי געזעסן און זיך דער־קלערט אין ליבע צו אידן. יאָ, האָבן זיי געזאגט זיי אליין זיינען גע־ווען בעיים מען האָט געשמיסן, אבער זיי האָבן דערביי געטראכט, אז דאָס איז פאר די אידנס טויווע ווענן. זאלן די וואלעכן ניט מיינען, אז נאָר זיי שמייסט מען...

ווען מען האָט עס מיר דערציילט, איז מיר איינגעפאלן, אז צווישן אנטיסעמיטיזם און פילאסעמיטיזם איז פאראן א גאנץ נאָענטע שייכעס, באטשע די טייטש פון די ווערטער איז אזוי קעגנזעצ־לעך.

ערשט אָבער דאָ, אינעם בוענאָס איירעסער שפּיטאָל, האָב איך געהאט א פּאר געלעגנהייטן צו באפעסטיקן מיין מיינונג, וואס איך האָב מיר אמאָל געשאפן וועגן אנטיסעמיטן און פילאסעמיטן.

איך האָב אייך שוין אמאָל דערציילט וועגן דעם גאלעך, דעם שפּאנישן גאלעך, וואס האָט אויסגערעדט אלדאָס בייז אף אידן און איז דערנאָך געווארן מיין גאלאן און פלעגט שאענווייז אפּזיצן לעבן מיין בעטל, קלוימערשט מיך צו איבערצייגן אין די קריסטלע־כע עמעסן. ער איז געווארן א הייסער פילאסעמיט און ווער ווייסט צי ער וואלט ניט פון אזוי פיל היץ פארברענט געווארן, ווען איך האק ניט אפּ זיין פילאָסעמיטיזם אין דער געהעריקער צייט.

און אט איז א פילאָסעמיטקע. אויך אין דער סאַלע וואו איך ליג.

איר, וואס האָט א פארשטעלונג וועגן די פילאָסעמיטן אלס הויכגעבילדעטע „קריסטן", וואס אף זיי רוט די שכינע פון דער גע־רעכטיקייט, ווי דער פארפאסער פון „נאַסן דער כאַכעם", ווי טאָלס־טאָי, וואס האָט זיך אנגענומען פאר די אידן נאָך די פּאָגראָמען, ווי זאָלאַ, וואס האָט פארטיידיקט דעם קאפּיטאן דרייפוס, דעם קארבן פון די פראנצויזישע אנטיסעמיטן, וועט זיך קוים ווען גלויבן, אז די פילאָסעמיטקע, וועגן וועלכע איך דערצייל אייך, איז א פּאַשעטע שפּאַניערקע מיט א כווישעבדיקן אויסזען, א האלב געלייםטע פרוי מיט אן אויסגעקראַכענעם קאָפּ האר, מיט א קליין שווארץ טריקן פּאַ־נים, דאָס מויל אביסל פארדרייט און אויגן האָט זי קליינע, קאַ־סאָקע.

איך האָב איר אין די ערשטע טעג קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשענקט און איך וואלט זיך אף איר ניט אומגעקוקט אויך שפּע־טער. ווארים מיין אויפמערקזאמקייט האָט גאר געצויגן דאָס שיינע געסאמטע מיידל, די העלדן פון דער מעלאָדראַמע, וואס האָט זיך אפּגעשפּילט אין דער סאלע און די שיינע שוועסטער, וואס איז פון איר בעט ניט אפּגעטראָטן. איך האָב אויך געהאט א שכיינע, א גרויסע ציילעמניצע, וואס איז אבער נאָך שטארקער געוועזן אייפּערזיכטיק, לעמאַי איך טייל מיין פריינטשאפט אויך אנדערע.

נאָר איינמאָל, ווען איך בין פארבייגעגאנגען איר בעטל, גייענדיק פונעם אנדערן עק סאלע, וואו די ראמאנטישע געסאמטע איז געלעגן, האָט די האלב געליימטע פרוי ארויסגעלאָזט א בוך פון דער האנט, זי האָט אים געוואלט פארכאפּן, נאָר עס איז איר נישט גע־לונגען. איך האָב אויפגעהויבן דעם בוך און איר אים דערלאנגט און וויל שוין אוועקגיין, ווי זי כאַפּט מיך אן בא דער האנט:

— בלייבט דאָ א ביסל, איך בעט אייך!

אן כיישעק זעץ איך מיך אוועק אף איר בעטל. איך האָב איר ניט וואס צוזאגן און צעעפן גלאט אזוי אזוי דעם בוך. ס'איז זאָלאַס. זי לייענט דעם „פארגיפטיקטן קוש". מיר איז מאָדנע, א שפּאַניערקע זאָל לייענען זאָלאַ! גראד האָב איך געהערט א פּאר מאָל פון שפּאַנ־

יערקעס, אז זאָלאס ביכער זיינען פּאָרנאָגראַפּיע. זיי זאָגן ניט פּאָר־נאָגראַפּיע, מאַכמעס פּאָרנאָגראַפּיע איז א מיעס וואָרט. זיי רופן עס אָן „רעאַליזם", און מיינען דערמיט יענע ליטעראַטור, אף וועל־כער מען שרייבט געוויינלעך אויף, „פאַר מינדעריאָריקע פאַרבאָטן".

— איך זע דו ביסט אזא געטרייע קריסטן — רוף איך זיך אָן צו איר — די הייליקע יונגפרוי הענגט בא דיר צוקאָפּנס. ווי זשע קומט צו דיר לייענען אזא אַפּיקאָרסעס?

אַלס ענטפער שלעפּט זי אַרויס פון אונטערן קושן גאָרקיס „מוטער":

— זעסט וואָס איך לייען! און אז מען דאַרף זיך מיסוואַדע זיין פאַרן גאָלעך, טו איך עס אויך. מען דאַרף דאָך ווי עס איז צי־ען דאָס לעבן...

און זי דערציילט: זי איז אָהער געקומען פון שפּאַניע צוריק מיט א יאָר פופצן מיט איר מאַן, האָט איר דער מאַן אוועקגעוואָרפן, אף וואָס דאַרף ער זי, א האַלב געליימטע? א גליק וואָס די שכיינים, א אידישע פאַמיליע האָבן זי אַריינגענומען צו זיך און איצט, ווען זי ליגט אין שפּיטאָל, קומען זיי צו איר, דער מאַן און די פרוי און ברענגען איר דערקוויקונג און... ביכער צום לייענען, ביכער פון זייער ביבליאָטעק.

— און איך, ווייסט איר — פאַרענדיקט זי — האָב דאָך אַזוי פיינט געהאַט אידן, וואָס האָבן געמאַטערט דעם זיסן קריס־טוס.

זי זאָגט דאָס און ציילעמט זיך איבער.

איך קוק זי אָן, זי דערפילט זיך אומבאַקוועם און וויל דאָס פאַרגלעטן דערמיט וואָס זי נעמט מיך כאַנפענען, אז די אידן זיינען אַזעלכע גוטע, אז די אידישע מענער פאַרלאָזן ניט זייערע פרויען, אז די אידישע עמונע איז די בעסטע...

איך האָב זיך געגעבן א הויב אויף פון איר בעטל. ס'זיינען מיר אָפּן געדאַנק געקומען די ליבעס דערקלערונגען פון יענע רומעני־שע אָפיצירן, וואָס האָבן געגעסן בא אידן פיש און געקושט אידי־שע מיידלעך, און יענער רומענישער גענעראַל, וואָס האָט אויס נע־קאָמע פאַר דער אָפנוואָרפענער ליבע צו צוויי אידישע טעכטער, פאַר־

שמיסן א שטעטל מיט אידן. ווער ווייס, האָב איך א טראכט געטון, ווי ווייט עס קען דערגיין די ליבע פון דער דאָזיקער האלב געליימטער פרוי צו אידן, ווען די אידישע פאמיליע זאל אויפהערן ברענגען איר אין שפּיטאָל אריין קוויקונג.

— איר זיינט א זיס אידיש ווייבל! — האָט זי מיר נאָכגעשריגן, ווען איך בין אוועק פון איר בעטל. און איך האָב אין געדאנק איר געזאָגט:

— און דו ביסט א פילאסעמיטקע פון יענע!

דער שפּיטאל האָט א קלויסטער

אין א פרימאָרגן האָט זיך צו מיר אונטער דער קאָלדרע דערטראגן א מאָדנע שטיל ברומקען, א געוויין, אזא שטילס, גאר אן אנדערס ווי די אלע געוויינען, צו וועלכע איך האָב מיך שוין געהאט צוגעוואוינט. איך האָב די אויגן געעפנט און פאר מיר דערזען אזא בילד:

אין מיטן זאל שטייט א ווייס קליין בארעקט טישל, מיט א סאך הייליקע בילדער, ארומגעשטעלט מיט גרויסע ברענענדיקע ליכט און צו זייערע פיס — א גרויס אפן געבעט־בוך. די צעקרומטע שטיינערנער געזיכטער האלטן אראפגעלאזט די אויגן. — שעמען זיך, אפּאנעם, פאר דער קאָמעדיע וואס מען מאכט מיט זיי. — דער גאלעך, אין א לאנגער שווארצער זשיפּיצע און די הייליקע שוועסטער, מיט פרום פארלייגטע הענט אפן הארצן, קניען פארן טישל און שעפּטשען שטיל. די קראנקע אויסער די וואס קענען זיך ניט אויפהויבן, זיצן אף די בעטן מיט פארדעקטע קעפּ און בלייכע צוזאמענגעפרעסטע ליפּן און זאגן נאָך ווארט בא ווארט, וואס די „הייליקייטן" זאגן.

דער גאלעך הויבט זיך אויף, בענטשט א פלעשל וואסער און די שוועסטער טיילט אוים יעדער איינער אביסעלע. טייל קראנקע רירן אן דאָס פלעשל און גיבן א קוש די פינגער, ווי מיר פלעגן אמאָל קושן די סיפער־טוירעס בעיים די האקאפעס.

מיין שכיינע, די פרומע שלאַנג, איז פאַרגאַפּט: איר בלייך טרוקן פּאַנעם זעט אויס ווי אף איינעם פון די בילדער וואס ליגן אפן טישל: זי טרינקט זיך אָן מיט הייליקן וואַסער, ציילעמט זיך איבער און א בארואיקטע לייגט זי זיך אוועק. דערנאָך דרייט זי אויס דאָס פּאַנעם צו מיר. די אויגן גלאַנצן בא איר מיט פאַנאַטישן גלויבן און דאָס פּאַנעם איז באַלויכטן מיט דערלייכטערונג און האָפענונג.

— איך ווייס ניט — זאָגט זי צו מיר א ביסל אויפגערעגט

— דו ביסט דאָך אזא פילבאַרע, קיין שום געפיל איז דאַכט זיך פאַר דיר ניט פאַרהוילן, איז, ווי קענסטו אין אזא מאָמענט פון דערהויבונג, ליגן אזוי גלייכגילטיק! איך זע נישט נאָך אזא גלייכגילטיקע ווי דו אין דער סאַלע...

„זאָגן איר — טראַכט איך מיר — אז איך בין שוין גאַרניט גלייכגילטיק, אז מיר דערמאָנט עס א געשיכטע פון צוויי טויזנט יאָר האַס און פאַרפאָלגונגען אף מיין פאָלק אין נאָמען פון אָט דער דער־הויבנקייט, איז נישט איצט די צייט. און דערצו איז זי דאָך נישט שולדיק דערין, זי איז אויפריכטיק, זי זוכט דערין איר רו און איר לייטערונג. און איך האָב מיך פאַרענטפערט פאַר איר, אז איך ווייס ניט וואָס דאָ קומט פאָר. און איך האָב טאַקע ניט געוואוסט.

ערשט דעמאָלט האָבן זיך בא מיין שכיינע צעצונדן פרייליכע פייערלעך אין די אויגן און מיט עקסטאַז האָט זי מיר אָנגעהויבן דערציילן וואָס פאַר א פייערונג דאָס איז:

— מיט יאָרן צוריק — האָט זי אָנגעהויבן — האָט אין פראַנקרייך געלעבט א הייליקע שוועסטער מיטן נאָמען לוסיא, זי איז געווען א קראַנקנשוועסטער אין א פראַנצויזישער מילכאָמע און צו ווע־לכן קראַנקן זי האָט זיך צוגערירט, איז ער געהאָלפן געוואָרן... זי האָט געקושט די וואונדן פון די זעלנער, וועלכע האָבן געהאַלטן באַם שטאַרבן...

איך האָב אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט און זי האָט זיך אַלץ מער באַגייסטערט און דערציילט די וואונדער פון דער הייליקער.

— פונוואַנען ווייסטו דאָס? — האָב איך איר געפרעגט ווען איך האָב געזען אז די וואונדער האָבן זיך שוין אויסגעשעפּט.

זי האָט אַנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר גרויסע ערלעכע אויגן.

— וואָס הייסט פּונוואַנען איך ווייס? דו האָסט ניט געהערט וואָס דער פאָטער האָט נאָר וואָס גערעדט וועגן איר?...

— אַזוי איז שוין עפּעס אַנדערש. — זאָג איך און זי דער־ציילט ווייטער.

שוין אַסאַך יאָר ווי זי איז טויט נאָר די וואָך איז זי ווידער לע־בעדיק געוואָרן, איר גייסט, הייסט עס, איז ווידער צווישן די לעבע־דיקע און ווער עס וועט זיין גוט און פרום, דעם וועט זי העלפן...

מיין שכיינע איז אַפּאַנעם זיכער געווען, אַז איך גלויב אין דעם וואָס זי דערציילט מיר. — אַזאַ איז דער קויעך פון די גלויביקע.

— און האָט מיך איינגעלאַדן איך זאָל מיטגיין מיט איר אין קלויסטער אַריין, וואו איך וועל מיט מיינע אייגענע אויגן זען די סטאַטוע פון דער לעבעדיק געוואָרענער.

אויף שנעל האָט מען זיך אָנגעטון, פאַרבעט די בעטן, אַרויפ־געוואָרפן טיכלעך אויף די קעפּ און צו עטלעכע קראַנקע פּאַראַמאַל האָ־בן זיך גענומען פאַר די הענט און מיט פרומע פּענימער איז מען אַ־וועק אין שפּיטאָל־קלויסטער .

מיין שכיינע האָט זיך פאַרפּוצט אין אַ יאָנטעוודיק קלייד, האָט פאַרבונדן דאָס טיכל אַרום קאָפּ אַזוי אַז קיין האָר האָט מען ניט אַרויס־געזען, האָט מיך אויך באַזאָרגט מיט אַ ווייס טוליען טיכל, האָט מיך גוט אַרומגעקוקט, דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען פון אונטערן מאַטראַץ אַ קליין געבעט־ביכל, מיך גענומען אונטערן אָרעם און שוויי־גנדיק זיינען מיר אַרויסגעגאַנגען פון דער סאַלע.

אין דרויסן האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן מיט מאַכנעם קראַנ־קע פון די אַנדערע סאַלעס. דערזען האָט מיך די הייליקע שוועסטער פון מיין סאַלע און איר פּאָנעם האָט אויפגעלויכטן. מיין שכיינע האָט מיך געהאַלטן פעסט אונטערן אָרעם און בא אַלעמען אַזעלכע שטראַלנ־דיקע פּענימער.

אויף אַ מינוט זיינען פאַר מיינע אויגן פאַרשוואונדן די ווינקל־דיקע שפּיטאָל קאָרפּוסן און געזען האָב איך פאַר מיר אַ דאָרף און דאָס דאָרף מיט גאַאַים, פאַנאַטיש בלייבע און פאַרגאַפטע פירט צום שמאַד אַ רינדאַרסקע טאָכטער... און די רינדאַרסקע טאָכטער בין איך... ווי

פעסט זי האַלט מיך, מיין שכיינע, די אונטערפירערן! ווי זיי קוקן אויף מיר אזוי פריידיק די קראַנקע! זיי לאָזן זיך נעענטער צו מיר, נאָר מיין אונטערפירערן גיט מיך א פיר אוועק פון זיי, שנעלער צום קלויסטער; זי וויל זיך ניט טיילן מיט דער מיצווע מיך צו פירן אין קלויסטער אריין...

ביים אריינגאַנג אין קלויסטער איז גרויס דער געדרענג. עס שטייען מאכנעם בלינדע, קרומע און אנדערע קריפּלען, וואס ווארטן איבער דעם געדרונג. מיר האָבן זיך קוים דורכגערוקט דורך דער מאַסע שלאָפע, לעבעדיקע מייסים און מיר האָבן באוויזן פאַרנעמען א פּלאַץ קימאט נעבן דער ווידערגעבוירענער הייליקער.

אין קלויסטער איז ענג און דושנע. א כוץ די קראַנקע זיינען געקומען עטלעכע יונגע שקאַצים מיט לעקעשעוואַטע פּענימער און עטלעכע דאמען מיט יונגע מיידלעך אין לאַנגע ווייסע קליידער. זיי גרייטן זיך איינטיילצונעמען אין דער צערעמאָניע.

אין קלויסטער שעמערירט מיט ליכט, מיט פאַרבן מיט גלאַנציקן מעטאַל. זילבערנע הענגלייכטער, א גאָלדענע קרוין אויפן קאָפּ פון דער הייליקער מאַריע, וואס פירט דעם קליינעם יעזוס צו גאָט און אין א ווינקל דאָס צעקרומטע פּאַנעם פון דעם ליידנדיקן יעזוס, וואס ליידט שוין פאַר זיינע גלויביקע, דעריקער, זעט אויס, ליידט ער די ליידן פון דעם גאַלעך און פון די רייכע דאמען און באַפרייט זיי פון אזא ניט אנגענעמער זאַך ווי ליידן... און אז ליידן זאָל שוין זיין געליטן, ווי עס קען מאכן ליידן אזא סאַדיסטישע קירכע ווי די קאַטוילישע, ווי די טאָרקוועמאַדישע: מאַטערונגס בילדער הענגען אַרום איינע שרעקלעכער פון דער צווייטער, איינע שוידערלעכער פון דער צווייטער. ווי זיי מאַטערן אים יעזוסן! ווי זיי פייניקן אים! זיי האָבן אים די הענט אויף הינטן פאַרדרייט, מיט צוועקעס צוקלאַפּט אין לעבעדיקן לייב צום צייילעם; אין דער רומענישער סיגוראַנצא, אין פּוילישן קאָנצענטראַציע לאַגער קאַרטוז־בערעזא, איבער אַלע קאָנצענטראַציע לאַגערן און טורמעס פון דער קריסטלעכער וועלט, ציט זיך אַלץ דער צווייטוויזנטיאָריקער סאַדיזם, וואס מאכט ליידן יעזוסן פאַר זייערע זינד...

צעצונדן האָט מען די הענגלייכטער ארום, די ליכטלעך פאַר די פּסטאטועס און מען גייט... בענטשן די ליידן.

מיין שכיינע האָט אפּאנעם באמערקט, אז מיין בליק איז גאר געוועגדעט ערגעץ אנדערש, ערגעץ אויסערן קלויסטער און וואנ־דערט ארום ווער ווייסט וואו. און האָט מיר א דריק געטון דעם ארעם און מיר אנגעוויזן אף דער הייליקער לוסיא.

— זע ווי איר פּאנעם לייכט... קוק זיך איין ווערסטו זען ווי עס שוועבט דער גייסט איבער איר און ווי זי קוקט אף אונדז...

זי צעעפּנט דאָס סידערל, רוקט עס צו צו מיר און הייסט מיר נאָכזאָגן...

איך פיל אז איך וועל מיך נישט באהערשן, אויב איך וועל מיך לאזן באצווינגען פון די טורמע בילדער וואס האָבן פאַר מיינע אויגן פארנומען דאָס ארט פון די קלויסטער בילדער און איך טו א טרייסל מיטן קאָפּ. איך האָב זיי געוואלט אראפּטרייסלען פון מיר און גראד דעמאָלט האָט א פארהאנג זיך פארצויגן און ס'האָט א בליאסק געטון פאַר מיינע אויגן אזוי פיל גאלד און זילבער, אזוי פיל פארב און שיין, אז זיי האָבן דאָס אויג פארכאפּט. דער גאלעך קניעט, מאכט האוויעס, שטעלט זיך אויף און קניעט ווייטער און צוויי קליי־נע אינגלעך מיט קופערנע לעמפּלעך דרייען זיך ארום אים, בייטן זייער פּלאַץ און שאָקלען מיט די לעמפּלעך און דער רויך זייערער שטיקט און פון אויבן, פון א גאלערייע אנטקעגן גייט א ציענדיק גע־זאנג פון הייליקע שוועסטער און אָט נעמט דער גאלעך ריידן, דער פרומער גאלעך, וואס האָט מיך ערשט נעכטן פארפאָלגט מיט זיין „סימפּאטיע", און ער רעדט וועגן דער הייליקייט און דער ריינקייט פון דער שוועסטער לוסיא...

מיר איז געווארן אלץ ענגער אלץ שטיקנדער און איך האָב א רים געטון די האנט, וואס מיין פרומע אונטערפירערן האָט אלץ נית אפּגעלאָזט און בין ארויסגעגאנגען שנעל, קימאט ארויסגעלאָפן.

בא א פענצטער פון א אויבערשטן שטאָק פון איינעם א קאָר־פּוס איז געשטאנען א באוואכטער ארעסטאנט, א פריילעכער יונג מיט אן ארעסטאנטן מיצל, באוואכט פון א ווידשילאנט און האָט צו מיר אראפּגעשריגן:

—וואס האסטו דארט געטון ווייבעלע?... וויפל האסטו באַצאַלט פארן שאָקלען זיך?.. .

דער וויזשילאנט האָט אים געהייסן שווייגן, נאָר יענער האָט געקייכט פון געלעכטער:

— גייט, ווייבעלע אין קלויסטער אריין, דער גאלעך דארף אייך האָבן...

ווען מיין שכיינע איז צוריקגעקומען פונעם קלויסטער, ארום צען אזייגער, איז זי געווען אף מיר שטארק בארויגעז: איך בין איר פון אונטער די הענט ארויסגעפליגן, א פארפאלענע נעשאָמע...

איך האָב פארלוירן א פריינט

מיין ארויסלויפן פונעם קלויסטער האָט מיך געקאָסט זייער אַ סאך — די טיפסטע פריינטשאפט, וואס איך האָב ווען געהאט, די פריינטשאפט פון מיין שכיינע, וואס האָט מיך אין קלויסטער אריין געפירט.

אין דער סוויווע פון רעבילעס און קינע און אויבערהערשאפט פון געזונטערע איבער קראנקערע, איז מיין שכיינע, וואס גערופן האָט מען זי „די שלאנג", געווען פאר מיר א לויטערער קוואל פון הארציקייט. א מוטערלעכע ליבע צו מיר האָט פון איר ארויסגעשיינט.

איך האָב דאָס געוואוסט ווי צו שעצן און איך פלעג איר א סאך מאָל פארגעבן ווען זי פלעגט מיך פאשעט פייניקן מיט איר אייפערזוכט.

א מאָדנע אייפערזוכט איז דאָס געווען: אן אייפערזוכט אף מיין הארץ וואס איך גיב נית אוועק אינגאנצן צו איר און צו איר גאָט.

און ניט נאָר איר אייפערזוכט פלעג איך איר פארגעבן פאר דער ליבע צו מיר, נאָר אויך די רעכט, וואס זי האָט זיך גענומען איבער מיר.

דאָס לעצטע איז מיר אפילע געוואָרן באַזונדער ליב, ווי די רעבט פון א מאַמען, זי האָט געזאָרגט פאַר מיר און איז צו מיר געווען שטרענג, האָט מיך געמוסערט: פאַרוואָס איך טראָג א קימאָנאָ מיט קורצע ברייטע אַרבל, פאַרוואָס מיין קליידל איז צו קורץ, פאַר־וואָס איך זידל ניט אויס דעם באָד־וועכטער, וואָס קוקט אויף מיר בעיים מיר גייען פון דער באָד, ווען א דאָקטער האָט זיך אָפּגעשטעלט ריידן מיט מיר לענגער א ביסל...

אַכט טאָג צייט נאָך איר ניט געלונגענעם אונטערפירן מיך אין קלויסטער, האָט זי צו מיר קימאַט ווי ניט גערעדט. אויפן אַכטן טאָג, זונטיק, האָט זי זיך אויפגעהויבן פרי, האָט זיך פאַרפּוצט מיט דעם ווייסן בערעטל אויפן קאָפּ, גענומען דאָס געבעט־ביכל און רופט זיך אָן צו מיר:

— קום גייסט אין קלויסטער?

— וואָס וועל איך דאָרטן טון? — האָב איך איר דאָרויף געענטפערט און זי האָט, אָפּאָנעם באַמערקט א געלעכטער אין מיי־נע אויגן. איך האָב עס פאַרשטאַנען אין דער בייזקייט, וואָס האָט זיך אין דער מינוט אָנגעצונדן אין אירע אויגן.

— וואָס הייסט? — האָט זי א זאָג געטון מיט א קוים באַ־מערקטן פאַרוואָרף — וועסט דאַווענען! וועסט הערן ווי מיר בעטן צו גאָט!...

ניין, איך וועל מער ניט גיין! — האָב איך פעסט א זאָג געטון און האָב אין מיין אייגענעם קאָל אויפגעכאַפּט א טאָן פון פּיעשטשען זיך, ווי פאַר אן אייגענער מאַמען.

— פאַרוואָס ביסטו געגאַנגען יענעם זונטיק?

— אויס נייגיר. — האָב איך איר אויפריכטיק געזאָגט.

און דאָ איז איר פּאָנעם געוואָרן טויט בלאַס ווי בא א פאַר־באַלעשטן און אין די אויגן האָבן זיך איר געשטעלט האַרבע טרערן. איך האָב מאַמעש געפילט די האַרבקייט זייערע צוזאַמען מיט דער פאַרביטערונג, וואָס האָט זיך פון איר גאַנצן וועזן געטראָגן.

— הייסט עס, אַז דו ביזט געגאַנגען פּאַשעט אָפּכויזעקן פון מיין גלויבן? — האָט זי שטיל געזאָגט און אין איר קאָל האָט זיך געהערט טיפער צער און אַנטוישונג.

עס האָט ניט געהאָלפֿן מיין באַמיאונג זי צו איבערציינגן, אַז איך האָב רעספּעקט צו מענטשן וואָס גלויבן אויפֿריכטיק, נאָר איך בין ניט קיין גלויביקע.

געוואָלט האָב איך איר נאָך זאָגן, אַז דער פֿאַנאַטישער גלויבן האָט געברענגט דער וועלט אַסאַך בלוט־פֿאַרגיסונג. נאָר איך האָב באַטראַכט אַז די טיפֿע גלויביקייט פֿון דער פֿרוי האָט אַ כּוח דער פֿיי־ניקונג מיט אייפֿערזוכט, וואָס קען דערגיין ביז טראַגעדיע, מיר געגעבן אויך גרענעצלאָזע און לויטערע ליבשאַפֿט.

נאָר איך האָב עס איר ניט געזאָגט. איך האָב ניט געוואָלט זיין פֿאַלש צו מיר אַליין, צו מיר וואָס איך האָב גענאָסן פֿון איר ליבשאַפֿט, וואָס האָט געפֿלאָסן פֿון דעם זעלבן קוואַל פֿונוואַנען עס האָט שוין גענומען פֿליסן איר האַס צו מיר.

איך האָב איר נאָר געזאָגט, אַז איך קען ניט. איך קען ניט גיין אין קלויסטער. און בעיס איך האָב עס איר געזאָגט, האָב איך דערפֿילט אויף מיינע פּלייצעס הונדערטער יאָרן קלויסטער סינע און קיין איין שאַ ניט פֿון זיין ליבע צו אידן.

אַן אַנטשוויגענע, אַ פֿאַרביסענע, איז זי אַוועקגעגאַנגען אין קלויסטער.

צוריקגעקומען איז זי נאָך שווייגנדיקער, נאָר די פֿאַרביסנקייט האָב איך שוין אויף איר פּאַנעם נישט באַמערקט: אַנשטאָט דער פֿריי־ערדיקער פֿאַרביסנקייט, האָב איך אויף איר פּאַנעם איצט געזען אַ מין אויפֿגערוימטקייט, אַזאַ אויפֿגערוימטקייט זעט מען בא טיף גלויביקע און פֿרומע מענטשן נאָכן טויט פֿון זייערע נאָענטע.

איך האָב געליטן און האָב אויך געשוויגן. נאָר שפּעטער האָב איך באַשלאָסן צו זוכן אַ וועג ווי ווידער אָנצוקניפּן אונדזער איבערגעריסענע פֿריינטשאַפֿט. איך בין צוגעגאַנגען צו איר, ווי אַלע טאָג, און זי גערופֿן גיין מיט מיר נעמען אַ וואַנע.

איר פּאַנעם, וואָס האָט שוין באַוויזן צוריק צו ווערן פֿאַרביסן און אַפֿילו אַכזאַריעסדיק, האָט זיך פֿאַרקרימט מיט אַ גיפֿטיקן שפּאָס:

— ווען עס ציט צו בעדער דער קען זיך גיין באָדן...

— און ווען עס ציט צום גאַלעך...

מער ווי דאָס האָב איך איר נישט געזאָגט. מיר האָבן ביידע

געפילט, אז מיר זאגן נישט דאָס וואָס אונדז ווילט זיך זאגן, אז מיר ווילן פארדעקן מיט באנאַלע שטעך־ווערטער א טיפֿן טעהאָם וואָס האָט זיך צווישן אונדז געעפנט.

מאָנטיק אינדערפרי האָט זי געבעטן באַם דאקטער א דער־לויבעניש אהיים צו גיין.

זי האָט זיך מיט מיר נישט געזעגנט. זי האָט מיר נאָר צו־געווארפן א שטומען בליק און א דערשלאָגענע האָט זי פארלאזט די סאַלע.

פאראַן מענטשן אף דער וועלט

ווען מיין שכיינע און כאוורטע איז אוועק, בין איך שטיין געבליבן בא מיין בעטל און האָב לאנג געטראכט וועגן דער דאָזיקער מאָרגנער פרוי, וואָס קען אזוי ליב האָבן און אזוי האסן. איך וואלט נישט אזוי געהאנדלט — האָב איך מיר געטראכט. — ליב האָבן הייסט ניט בלויז שעצן אין יענעם דאָס וואָס מיר איז ליב, נאָר אויך יענעם פארשטיין און אים אננעמען ווי ער איז. אָט דאָס — האָב איך ווייטער געטראכט — איז דער כילעק צווישן דער ליבע פונעם קאטוי־לישן קלויסטער און פון די זין און טעכטער וואָס ער האָט דערצויגן — די ליבע פון די פאנאטישע גלויביקע — און דער ליבע פון אפּי־קארסים, פון די וואָס דאָס לעבן אליין לערנט טאָלעראנץ און מענטשן־ליבע.

א שאַ צייט בין איך אזוי געשטאנען לעבן דעם ליידיקן בעטל, אף וועלכן עס איז איצט געלעגן א טויטע די פריינטשאַפט, פונעם קלויס־טער געשאפן און פונעם קלויסטער אומגעבראכט.

מיין טרייסט איז געווען, וואָס נישט איך האָב די פריינטשאַפט צעריסן. און געגומען האָב איך טראכטן וועגן ווייטער: ווער וועט איצט פארנעמען דאָס בעטל? צי נישט עפּעס איינע פון די רעכילעס־ניצעס, פון די אלטגעזעסענע שפּיטאָל־ווייבער, וואָס קריכן צו די קראנקע נישט נאָר אין די גערגערעס, נאָר אויך אין די וואַליזקעס:

צי נישט עפּעס אַ צעדרייטע, אַ היסטערישע, פון די וואָס פאַלן אוועק מיט אַ שוים אפן מויל און שרעקן די גאַנצע סאַלע.

און עפּשער זאָל איך גאָר אהיימגיין? אַ, אינדערהיים וועט מען זיך דערפרייען איבער מיר, סיי מיינע צוויי זין, וואָס בענקען נאָך דער מאַמען, סיי די „מישפּאָכע", וואָס קוקט אף מיר קרום, פאַר־וואָס איך האָב פּלוצים פאַרלאָזט די קיך און דאָס געניי און האָב גאָר איינזינען דאָס האַרץ. און מיט אַן עמעס, ווי מעג אַ שניידערקע איינ־זינען האָבן איר האַרץ!... די אַנשטענדיקייט פאָדערט — און די אַנשטענ־דיקייט ליגט ווי אַ הונט בא דער טיר פון אַלע שניידערישע ווייבלעך און היט זיי, זיי זאָלן כאַלילע נישט ברעכן דעם איינגעשטעלטן סיי־דער פון דער וועלט, צו שטאַרבן פון שווינדזיכט...

און אָט ווי איך שטיי אַזוי און מיין געדאַנק לויפט איבער דעם איינגעשטעלטן סיידער פון דער וועלט, וואָס געשטאַלטעט די ליבע און די אַנשטענדיקייט לויט זיין געשטאַלט, ווי אים לוינט זיך, פירט מען מיר אריין מיין נייע שכיינע.

און ווער וואָלט דאָס פריער מיט אַ מינוט געזאָגט, אַז די שכיינע מיינע וועט מיר ברענגען אַ ביסל טרייסט.

ס'איז אַ פּאַשעטע, גוטהאַרציקע קריאַזשע־פרוי פון אַ יאָר פערצ־ציק. האָט אַ מאַן און צוויי קינדער — אַ היפּשן זון און אַ מיידע־לע. דעם זעלבן טאָג נאָכמיטיק זיינען זיי געקומען צו איר. זי איז אַנעמיש געוואָרן, בלוט אָרים, פון אַ דערשרעק. איר באָכער, דער טונקל הויטיקער יונגערמאַנטשיק מיט די אונטערגעשוירענע קליינע וואָנ־צעלעך און מיט דעם שטייף און גלאַנציק צוגעקעמטן געקרייזטן קאָפּ, האָט איר איבערגעשראָקן. ער האָט געאַרבעט בא אַ קאַצעוו, האָט שוין גאַנץ וואויל פאַרדינט און איז שוין געוועזן אַ „מעדיאָ אָפּים־יאַל", שיקט אים איינמאָל דער באַלעבאָס אַרויף אף דער טעראַסע עפּעס אָפּרייניקן און ער פאַלט אַראָפּ אפן טראָטואַר און צעברעכט זיך דריי ריפּן־ביינער. איז דער זון, ווי איר זעט שוין אַ געזונטער, כאָטש אַרבעטן שווער טאָר ער ניט, נאָר זי איז שוין פון דעמאָלט אָן אויס מענטש.

צוזאַמען מיט דער אַנעמיע, וואָס איז איר פון דעמאָלט אָן

פארבליבן, איז איר פון יענעם פאל פארבליבן נאך עפעס: א טיפער געפיל פון דאנקבארקייט צום רעטער פון איר זון.

אין שפיטאל, וואוהין מען האט אים געבראכט, האט דער דאקטער געפאדערט די מינוט אים געבן בלוט. זי, ווי דער פאטער האבן אנגעבאטן זייער בלוט, נאר דאס בלוט האט נישט געטויגט און דא זעט זי ווי איר זון ווערט אלץ בלייכער און בלייכער, ער גייט אפ מיטן בלוט. און זי וועט עס קיינמאל ניט פארגעסן, זאגט זי, ווי עס האט זיך אויפגעהויבן א פרעמדער מענטש, וואס איז געקומען מיט א קינד און ער שטרעקט אוים די האנט:

— נאט, נעמט בא מיר בלוט!

דריי מאל האט דער דאזיקער אומבאקאנטער מענטש געגעבן זיין בלוט פאר איר זון....

זי ציילעמט זיך דערביי איבער און הויבט אויף די אויגן צו יעזוסעס בילד, וואס הענגט קעגנאיבער אף דער וואנט:

— פאראן גוטע מענטשן אף דער וועלט! — זאגט זי מיר.

„יא — האב איך מיר געטראכט — פאראן גוטע מענטשן אף דער וועלט. דאס זיינען די מענטשן, וואס גיבן זייער בלוט פאר יע־נעם און דאס זיינען די מאמעס, וואס גיבן אוועק זייער לעבן פאר די קינדער.

און ווי אנדערש האט אויסגעזען יעזוס, איצט, ווען ער האט אויפגענומען דעם דאנק פון דער מאמען, ווי דעמאלט אין קלויסטער, וואו ער איז געהאנגען א געפייניקטער פון זיינע אייגענע פארגעטע־רער.

ער האט איצט אויסגעזען ווי יענער אומבאקאנטער יונגער־מאן, וואס האט זיין בלוט געגעבן צו ראטעווען א לעבן.

אָפּעליאַ

אריינגעבראכט האָט מען זי אין סאלע פון שפּיטאָל אף א טראג־בעטל שאבעס באטאג. קימאט אן לאשן, מיט פּערציק גראד היץ איז זי געלעגן, ניט פּראָטעסטירט, ניט גערופן, בלויז שטיל גע־קרעכצט און געגלאצט אין דער טיפער ווייטקייט מיט אירע קליינע שווארצע אויגן.

האָב איך איר אביסל טיי אָדער מילך דערלאנגט, האָט זי א־רויסגעשעפּטשעט א קוים פארשטענדלעכן דאנק און ווידער, א פאר־טראגענע, איינגעזונקען געווארן אין א מין היציקן שנאָרכן און קרענק־לעכן כראפּען.

זונטיק אין אוונט האָט מען צו איר אריינגערופן דעם דיזשור־ני דאקטער. ער האָט איר גלייך אויפגעשניטן א גרויסע מאקע אין האלדז, וועלכע וואלט זי געקענט דערשטיקן צום טויט. זי האָט אירע קליינע שווארצע גוטע, קינדערישע אויגן צעעפנט, צונויפגעלייגט די קליינע, בלייכע הענטלעך אפן הארצן און פרום א מורמל געטאן:

— איך דאנק דיר, יעזוס, הייליקער פאטער אונדזערער, וואס האָסט זיך דערמאָנט אן מיר... געמיינט האָב איך, האָסט מיך שוין אינגאנצן פארשטויסן! גלייך ווי איך וואלט א אידישקע געוועזן!

פאר מיר איז גאר קיין נייעס ניט, אז מיינע א קריסטלעכע שכיינע זאל אין מיין אנוועזנהייט גאט דאנקען, וואס זי איז ניט קיין אידישקע, אָדער וואס ער דער גאט פון גנאָד, האָט זי אין זיינען געהאט באם אריין אין שפּיטאָל, ניט צו דערנענטערן זי מיט א אי־דישע שכיינע.

דאָס טונקל הויטיקע, כיינעוודיקע מיידל, מיט דער צעפּלע־משטער נאז און עטוואס גראבע, צעעפנטע ליפּן, ווייזט מיר אויס אזוי גוט קינדיש נאאיוו און אומשולדיק. ניין, זי האָט מיך דעמאָלט ניט געזען, איר שכיינע די אידישקע, זי האָט געזען [illegible] יעזוסן,

וואס הענגט אף איר אויסגעטרוקנט הארץ און ווי שטארק מיר ווילט זיך, עס זאל אויסוועפן בא דעם ליבן וועזן, פון איר נאאיוו און פון קינדוויז פארגיפטעט הארץ דעם סאם פון סינע צו אידן, וועלכע זי קען דאך בלויז פון הערן און דערציילן, אבער ניט פון נאענטן קאנטאקט מיט זיי.

— שווארצע זאג איך — דו שרעקסט זיך פאר אידן און בוקסט זיך צו זיי...

— ניט עמעס! — האט זי מיט דעם זעלבן נאאיוון טאן שוין דרייסטער א זאג געטאן.

— יא, שווארצע, ער איז א איד! — ווייז איך איר אפן בילד, וואס פלאנטערט זיך צווישן אירע קליינע בריסטלעך.

— א אי — —ד! ? ...

— יא!

— און פארוואס ווייס איך נישט פון דעם?

— פונוואנען זאלסטו וויסן,

— וואס הייסט פונוואנען?... איך איך, נו, יא, איך ליב אונדזער גאט און — שוין.

איך אויפרעגונג באאומרואיקט מיך, זי איז שוואך, צעבראכן, איך מוז זי איצט אפלאזן... איך שמייכל:

— אבער מיט מיר שווארצע, ביסטו כאווער... איך בין דאך אויך א — אידישקע!

— וואס דו א אידישקע?

— יא, איך!

״״ דו ביסט דאך א רוסא!...

״״יסרעכענען דעם כילעק פון א רוסא ביז
גענטינערן ביז א אידישקע...
עהארכזאמע, שטרענג דער־
עשאאם א מייסע דערציילן אדער

איך האב זי אפגעהיט, געלערנט די
פארשידענע אנעקדאטן דערציילט, גע־
היימלעכקייט פארטרייבן דעם טעמפן או־

מעט פון דער שפּיטאָל אַטמאָספּערע. אפן פערטן טאג זיינען מיר שוין ביידע אין גארטן געזעסן. זי האָט זיך צו מיר צוגערוקט, אירע קליי־נע מילדע אויגן גלעטן מיך אומשולדיק, ריין, אזויפיל געבעט דריקן זיי אויס, א גרענעצלאָזן שטומען צאַער.

— נו, שווארצע, קום טיפער אין גארטן! קום, דארטן איז דאָ א סאך קריסטלעכע מיידלעך! וועט דיר היימלעכער זיין!...

— דו ביסט אויך א קריסטן!...

— איך?

— יאָ, דו!

— איך האלט אָבער פון מוישעס לערע: אן אויג פאר אן אויג!... און איך פארטייטש איר באלד וואס איך מיין דערמיט.

— מיר געפעלט דאָס זייער! — ענטפערט זי מיר פארכידעשט, וואס זי האָט פון דער לערע ניט געוואוסט. — פונדעסטוועגן זע איך — רעדט זי ווייטער — אז אין סאלע דאווענען אלע, אָבער פאלש זיינען זיי א סאך פאלשער ווי די קעץ!

— אלע וואס דאווענען, זיינען פאלש... מענטשן, שלעכטע און זינדיקע דארפן דאווענען — זאג איך איר — אָבער ניט אזעלכע ווי דו און ווי איך.

— אָ, רעדט ניט אזוי — האָט זי מיך פאר די הענט א כאפּ געטון — רעדט ניט אזוי. מיר טוט אזוי וויי, מיר טוט וויי ווען איר זינדיקט קעגן גאָט! א סאך זייער א סאך האָבן מיר דאָ די שוועס־טער אָנדערציילט פונעם גנעם, פון די גאָטלאָזע מענטשן. אָ, ווי שטאַ־רק מען שטראָפט זיי פאר אזעלכע רייד! רעד ניט אזוי, איר וועט זיך בא גאָט פארזינדיקן.

קיין סימען פון צווייעס, פון פאלשקייט, אף איר פּאַנעם. א קינד זע איך פאר זיך, א קליין איבערגעשראָקן קינד, וואס טראָגט שוין די פּרוכט פון זינדקייט אפן געוויסן.

— אָבער שווארצע, דו האָסט דאָך ניט געזינדיקט, פארוואָ־זשע ביסטו אזוי פרום און פאנאטיש?

— אך... איך?... איך האָב... איך האָב א גרויסע זינד אף מיין געוויסן און וויפל איך זאָל אין קלויסטער ניט גיין וויפל, איך זאָל באַם הייליקן פאטער און בא דער הייליקער בסולע

פאר מיינע זינד בעטן, פיל איך נאָך אליץ, ווי עפּעס א שווערער שטיין, עפּעס א זאַך, פון וועלכער איך קען זיך קיינמאָל ניט ריינ־וואשן...

— נו, שווארצע, אויב דו האָסט צו מיר צוטרוי, דערצייל, שעם זיך נישט!

זי בויגט צו דעם קאָפּ אירן צו מיין האַרץ:

— אָ, ווי ליב איך האָב דיך! לאָז מיך דיר רופן — מאַ־מיטאַ!...

— מאַמיטאַ?...

— יאָ!

— נו, רוף ווען דיר איז ליב — גלעט איך אירע שווארצע האָר און פיל טאַקע, ווי עפּעס א מעכיצע איז צווישן אונדז ביידע אַוועקגענומען געוואָרן. אָט א די פרוי מיטן קינדישן אויסזען, איז דאָך אינגאַנצן מיט צוויי יאָר יונגער פון מיר, דאָך פיל איך א קינ־דעריש הערצל קלאַפּט אזוי האַסטיק, פארטרערטע אויגן בליקן מיר אנטקעגן און פון די צוזאַמענגעפרעסטע ליפּן רייסט זיך קעסיידער ארוים איין ווארט: מאַמאַ, מאַמיטאַ קערידאַ, מאַמיטאַ, מאַ־מי־טאַ!

ווען זי האָט זיך אַביסל בארואיקט, זאָגט זי שטיל און פאַר סאַפּעט:

— ווען איך בין זיבן יאָר אַלט געוועזן איז מיין מוטער געש טאָרבן, מיין פאָטער האָט מיך באַלד אין א קלויסטער אריינגעגעבן, וואו איך בין אָפּגעוועזן ביז פופצן יאָר. שלעכט איז מיר דאָרט ניט געווען. מיין פאָטער איז רייך, ער האָט זיי געצאָלט און שיינע מאַ טאָנעס זיי אויך געבראַכט. זיי האָבן מיר דאָס געלערנט פיינט האָבן די אידן... איך האָב זיך פאַר אידן געהיט, ניט לאַנג האָב איך בא א אידישן דאָקטער אלס אסיסטענטן געאַרבעט, בין איך פון דאָרט אַ־וועק... מיר האָט זיך געדאַכט איך פארשוועך דערמיט די ליבע און ריינקייט צו יעזוסן!

און איצט, איצט ביסטו זיך מיסוואַדע פאַר א אידישקע — גלעט איך נאָך צאַרטער אירע קויל־שווארצע האָר און טוליע נאָך האַרטער איר קאָפּ צו מיין האַרץ.

— יאָ, רעדט זי ווייטער — איך האָב אָבער געפילט, אז ער־געץ ניט ווייט פון קלויסטער איז דאָ א שענערע, א פרייליכערע וועלט, א פרייע, א וועלט פון עפּעס אזעלכעס, וואס האָט מיך גערופן גע־שראקן... און איך האָב דאָס פּארט נישט פארשטאנען... לאנג האָב איך מיין פאטער געבעטן ביז ער האָט איינגעוויליקט מיך אהיימצונע־מען. האָב איך אינדערהיים א יונגע שטיפמוטער געטראפן. זי האָט מיך פון אויג ניט ארונטערגעלאזט: געהיט מיך ווי א גאַנעוו. דאָך איז מיר די היים ליב געווען. איך האָב באלד געקראגן כאווערטעס פון מיין גלייכן: מיידלעך פון אריסטאָקראטישע פרומע עלטערן... אזוי זיינען אוועק פינף יאָר. צוואנציק יאָר בין איך דעמאָלט אלט גע־ווען. מיין פאטער, וואס האָט מיך נאָך אלץ קינד פארקנאסט פאר זיי־נעם א לאנדסמאן, אן עלטערן רייכן באכער, אף וועלכן איך האָב זיך קימאט קיינמאָל ניט אומגעקוקט, האָט מיר אנגעהויבן איינשמועסן, אז איך וועל אינגיכן דארפן ווערן די פרוי פונעם פרעמדן, אומאָנגענע־מענעם מאן. איך בין אוועק אין קלויסטער דערציילט די שוועסטער, האָבן זיי מיר געענטפערט, אז עס איז א זינד צו גיין אנטקעגן פא־טערס ווילן, איך מוז פאלגן, כאָטש האָבן מיטן מאן, וועלכן מיין פאטער האָט פאר מיר אויסגעקליבן... כאָטש איך האָב נאָך דע־מאָלט גארנישט פארשטאנען, האָב איך דאָך געפילט, אז פון דער טיפעניש פון מיין הארץ רייסט זיך ארוים א פארצווייפלטער וויי־געש־ריי, איך האָב געפילט די אומגערעכטע האנדלונג פון מיין פא־טער.

ארויסגייענדיק פון קלויסטער, בין איך געווען אזוי דערשלאגן, אזוי צעבראכן, אז איך האָב קיין מענטשן פאר זיך ניט געזען. איך האָב זיך, א מיטגעריסענע מיטן שטראָם אוועקגעלאזט איבער די גאסן, געלאזט זיך וואוהין די אויגן וועלן מיך טראגן...

— יענער אוונט — האָט זי ביטער געשעפּטשעט — יענער אוונט, איז געווען דער שענסטער, דער גליקלעכסטער פון מיין לעבן, אָבער אויך דער וועג פון ליידן און שווערן געראנגל. אפן וועג האָב איך זיך אנגעשטויסן פּאנעם אל פּאנעם מיט א יונגענמאן. ער איז געווען הויך שלאנק, מיט שיינע בלויע אויגן, בלאנדע, שיין געקעמ־טע האר און עפּעס אזא צארטע ווארעמע שטים.... אזא שטים האָב

איך בלויז פון יעזוסן, אין מיינע שטילע אומעטיקע אוונטן געהערט... ער פרעגט מיך, זוי איך הייס און איך אנטלויף, נאָר גלייכצייטיק זאג איך אים מיין נאָמען:

— אַפּעליאַ! אַפּעליאַ! ס׳אַרא שיינער נאָמען דאָס איז! אַ־פּעליאַ! אַפּעליאַ!...

א גאנצע נאכט בין איך ניט געשלאָפן, זיין ווייכע שטימע האָט מיך פארפאלגט, איך האָב אים געזען נעבן מיין בעט... ער שעפּ־טשעט און בעט: אַפּעליאַ טייערע טייבעלע מיינס, איך קען דאָך ניט לעבן אָן דיר! אַפּעליאַ! אַפּעליאַ! פארוואס האָסטו מיר ניט גע־ענטפערט? פארוואס? אַפּעליאַ טייערע!

טעג זיינען אוועק. איך האָב אַף מיין פאטערס פראגן קיין ענטפער ניט געגעבן. אין שטוב האָט מען זיך געראשט מיט כאסע־נע־קליידער, און איך האָב יעדן טאג אָן אנדער בריוול פון מיין קימאט אנבאקאנטן געליבטן דערהאלטן. און וויפל צארטע, שיינע ווערטער, וויפל גליק האָט ער מיר פארשפּראכן! אַ, וויפל באלוימעס האָט ער אין מיין הארצן אויפגעוועקט.

איין מאָל איז צו מיר דער פאטער צוגעקומען און מיך שטרענג א פרעג געטון:

אַפּעליאַ, וועמעס זיינען די בריוו וואס דו דערהאלסט?

איך בין געוואָרן טויט און רויט, דאָך — געלייקנט:

— איך ווייס פון גארנישט!

דער פאטער האָט מיר דערלאנגט א נאָך פארמאכטן בריוו.

— לייען!

איך האָב געשוויגן, האָט ער מיר דערלאנגט צוויי פּעטש אין פּאנעם. אַף מאָרגן האָט ער מיר געהייסן מיטגיין מיט אים.

איך האָב געפילט, אז עפּעס א גרויסער אומגליק רוקט זיך אַף מיר אָן; אָבער קיין וואָרט האָב איך ניט ארויסגערעדט. אויך מיין פאטער האָט אקשאנעסדיק געשוויגן. פארן אריינפירן מיך אין קלויסטער, האָט ער מיך טרוקן א פרעג געטון:

— ווילסט, אַפּעליאַ, כאסענע האָבן מיט כואנען, אָדער וועסט ווערן א — מאָנאשקע?

— איך וויל קיין איינע פון די צוויי. — האָב איך מיט די פיס

געטופּעט, — איך וויל כּאָסענע האָבן מיט דעם אינגל וואָס האָט מיר די בריוו געשיקט...

איצט איז דער קלויסטער פאַר מיר געוואָרן אַ שרעקלעכע טפּי־סע. אַ שוויינדיקע אָדער וויינענדיקע האָב איך אַרום די הויכע געמויערטע ווענט געשפּאַנט, שטיל געראָפן מיין געליבטן, מיט וועל־כן איך האָב בלויז דורך בריוו גערעדט. איך האָב געהאָפט אַז ער וועט מיך אַרויסגאַנוועגען פון דאָרט, האָב איך שטענדיק די פענצ־טער פון מיין צימער געהאַלטן אָפן, און וויפל נעכט בין איך פאַר דער הייליקער בסולע אויף די קניעס געפאַלן, געבעטן זי זאָל מיך מיט מיין געליבטן צוזאַמענברענגען...

מיין פאָטער איז מיך ניט געקומען זען, אויך קיין באַקאַנ־טע האָט ער שטרענג פאַרזאָגט, זאָל מען צו מיר ניט צולאָזן.

איז אַוועק אַ כוידעש און צוויי, איך האָב געפילט ווי מיין האַרץ מיט די לונגען גיסן זיך צונויף אין איין שטיק העליש פייער, איך האָב געברענט אין בענקשאַפט. ס'האָט נישט געהאָלפן דאָס ריידן פון די שוועסטער און דאָס וואַשן מיך מיטן הייליקן וואַסער. פון טאָג צו טאָג בין איך געוואָרן געלער און אָפּגעשוואַכטער. נישט גע־געסן און ניש געלאָפן.

שפּעטער האָב איך אויפגעהערט בענקען. איך בין מיטגע־גאַנגען אויף די שפּאַצירן, וואָס די שוועסטער האָט מיך געפירט, מיך האָט ניט געאַרט וואָס איך בין אין קלויסטער, איך האָב עפּעס אינ־גאַנצן טראַכטן נישט געקענט. עפּעס, ווי דער מויעך וואָלט מיר פּאַראַליזירט געוואָרן...

— און דיין פאָטער, אָפעליאַ?

— מיין פאָטער? — האָט זי מיט ביטערניש געשמייכלט — מיין פאָטער איז מיך צוויי מאָל געקומען זען, געפרעגט צי איך בין איינשטימיק כּאַסענע צו האָבן מיט כואַנען. איך האָב אים קיין וואָרט נישט געענטפערט, בלויז אַן אידיאָטישער געוויין פלעגט זיך פון מיין האַרץ אַרויסרייסן...

די שוועסטער האָבן פאַרזיכערט דעם פאָטער, אַז זיי וועלן אויף מיר ווירקן.... נאָר צום יאָר, ווען מיין פאָטער איז געקומען מיך דאָס דריטע מאָל באַזוכן, האָט ער מיך געטראָפן אין אַ שרעקלעכן

צושטאנד; מיינע הענט און פיס זיינען געווען פארטרוקנט, מיינע אויגן אויסגעלאשן טעמפ, ווי בא אן אידיאָטקע. ער האָט גלייך געבראכט אונדזער הויז דאקטער, וועלכער האָט באשטעטיקט, אז איך ליַיד פון א שטארקן נערוון אפטעמפונג און בין אויך אף דער שוועל פון טובערקולאז...

מיין פאטער האָט מיר געדונגען א צימער אין די קאַרדאָבער בערג און וויפל דאָקטוירים ס'האָבן מיך אונטערזוכט, האָבן זיי אויס־געפונען מיין קרענק... א יאָר צייט האָב איך זיך געמאטערט, ביז מיין פאטער האָט מיך אהיימגענומען, דערלויבט מיין געליבטן אריינקומען אין שטוב. ער האָט געוויינט מיר דערציילט וואס ער האָט אויס געליטן אין דער צייט פון מיין קרענק.

מיין פאטער האָט זיך אבער גיך בארעכנט. באלד ווי ער האָט מיך געזען געזונט, האָט ער ווידער פארבאָטן מיין געליבטן אין שטוב צו קומען געצוואונגען מיך מיט אים ניט זיך צו טרעפן מער.

ווען איך האָב אים דאָס דערציילט, און געבעטן ער זאָל מיך פון מיין פאטערס הויז ארויסגענומען איידער ס'ווערט צו שפעט, האָט ער מיר קאלטבלוטיק געענטפערט:

— אָפעליא, איך קען דאָס ניט טון... איך לערן אף דאקטער, איך וועל ענדיקן וועלן מיר זען...

דאָס איז געווען אונדזער לעצטער געשפרעך. מער האָב איך אים ניט געזען...

אָפעליא האָט טרויעריק דעם קאָפּ ארונטערגעלאזט, מיך פעסט צו זיך א דריק געטאָן:

— אָ, מאמיטא, מאמיטא קערידא, ווען דו זאלסט געווען ווייסן ווי איינזאם, אומגליקלעך און איבעריק אף דער וועלט איך האָב מיך דעמאָלט געפילט!

— נו, שווייג אָפעליא, מיין קליין נאריש מיידל, שווייג, ריר דיר ניט אויף קיין וואונדן... שווייג, דערשטיק אין דיר דעם ווייטיק, מיט דער צייט ווערט אלץ פארווישט ווערן, די צייט איז דער בעסטער דאקטער און לערער.

— ניין, מאמיטא, מיר האָט די צייט גארניט געלערנט, — האָט זי ווייטיקלעך געפליסטערט — איך בין ניט די וואס איך האָב

מיר פארגעגומען צו זיין... נאָך דריי יאָר אויסגעהאַלטנקייט מער קיין ליבעס ניט צו פירן, לעבן איזאָלירט פון מענער, זיי האסן, און ניט גלויבן, האָב איך זיך ווידער באגעגנט מיט א יונגן מאַן, וואָס האָט נאָך עטלעכע מאָל ריידן מיט מיר, מיין צוטרוי געוואו־נען. איך האָב אים ליב געקראגן נאָך שטאַרקער ווי דעם ערשטן...

ער איז געווען דער שפיגל פון דער געגנט, אויך פעסט גע־בויט, ביינעוודיק קלוג און געבילדעט, די מיידלעך פון גאס זיינען מיך מעקאנע געווען און איך בין געווען גליקלעך. ביז... ביז... — האָט זי די ווערטער ארויסריידן ניט געקענט — ביז... איינמאָל בלויז... איך שווער דיר בא גאָט!... עמעס, ער האָט מיר דאמאָלס אויך ניט פארשפּראכן כאסענע צו האָבן, אויך איך האָב אין יענעם מאָ־מענט פון די פאלגן ניט געקלערט. איין מאָל בלויז האָב איך זיך אים אפּגעגעבן. ווייטער האָב איך אים אויסגעמיטן, כאָטש איך האָב פון אים בריוו באקומען און מיך אליין האָט אויך שטאַרק צו אים געצויגן, האָב איך דאך געוואָרט ער זאָל קומען צום פאטער בעטן זיין איינשטימיקייט צו אונדזער כאסענע. ער איז ניט געקו־מען.

מיט צוויי כאַדאשים שפּעטער האָב איך צו אים געדערט אין טעלעפאן אז... אז — האָט זיך איר שטים ווידער איבערהאַקט — יאָ, קיינמאָל, מאַמיטא, וועל איך ניט פארגעסן יענעם טאָג! איך האָב געמיינט ער וועט זיך פרייען מיט דער פרוכט פון אונדזער ליבע, אָבער ווי אנטוישט בין איך געוואָרן, ווען ער האָט מיר מיט בייזקייט א זאָג געטון:

— אלע זיינט איר גלייך!... האָסטו ניט געקענט זיך פארויס רעכענונג געבן?... קום שוין צו מיר, וועל איך דיר געבן געלט, וועסטו מאכן אן אבאָרט...

איך בין א וועק צום טייך, זיך לאנג דאָרטן אומגעדרייט. א סאָף א סאָף צו דעם לעבן! האָב איך געהערט אָבער עפּעס א שטים, יאָ, די פרוכט פון דער ליבע האָט אונטער מיין האַרץ געשריען: „א זינד א גרויסע ווילסטו באגיין, צוויי נעפאשים אומברענגען! יאָ, איך האָב געפילט א האַס צום פאטער פון מיין קינד, אָבער דאָס קינד! דאָס קינד איז מיר טייער געווען, איך האָב באשלאָסן מיין לעבן

צו ווידמענען דעם קינד; אויסקויפן מיינע זינד דורך ליידן און באַ־
ליידיקונגען, וואס איך האָב דערוואַרטעט פון מיין פאטער און פון
מיינע נאָענטע...

זי האָט אויפגעהערט ריידן און לאנג פארשנדיק מיר אין די
אויגן אריינגעקוקט.

אָפעליא! — האָב איך איר א זאג געטאן — אייגנטלעך
האָסטו דאָך א סאך א גרעסערן קארבן געבראכט פאר דער פרוכט
פון דיין ליבע, פארן גליק צו זיין א מוטער, אייגנטלעך דארפסטו
א סאך שטאָלצער זיין ווי מיר די געזעצלעכע פארהייראטע פרויען,
וואס זיינען באשיצט פון דער געזעלשאפט און אויך פון דער רע־
גירונג. מיר האָבן קיינע שוועריקייטן, קיינע באליידיקונגען און
פאראורטיילן, און ווען דו, א קלויסטער מיידל, האָסט געהאט מוט
גישט אָפשרעקן זיך פאר די ווייטערדיקע פאלגן, קען איך דיר בלויז
גראטולירן... מיט א שטאָלץ פארהויבענעם קאָפּ וועסטו שפעטער דיין
זון פון דיין פארגאנגענהייט דערציילן. יאָ, ער מעג דאָס וויסן... עפ־
שער וועט שוין דעמאָלט זיין א מער אויפריכטיקערע געזעלשאפט,
וואס וועט ניט אפטון די גרעסטע מיעסקייטן אונטער דעם מאנטל
פון — געזעץ און מאָראל...

שטיל זיינען איר די טרערן איבער די באקן גערונען, זי האָט
אירע אויגן צום הימל אויפגעהויבן:

— גאט אין הימל, הייליקע בסולע, מיט אייער קריסטלעכן
גנאד זאלט איר איבער דער גוטער אידישקע וואכן, זי האָט דאָס
פארדינט, הייליקע בסולע פון לוכאן!...

זי האָט זיך אויסגעזיפצט און שוין א בארואיקטע ווי נאָכן
מיסוואדע זיין זיך, שוין שמייכלענדיק צוגעגעבן:

— נאָך קיינמאָל, קיינמאָל ניט, מאמיטא, האָב איך ניט גע־
הערט אזעלכע רייד פון א פרוי... נאָך קיינמאָל מאמיטא, איך שווער
דיר בא דער הייליקער בסולע פון לוכאן... אָ, מאמיטא, ווי שווער
ס'איז צו פילן זיך זינדיק... פארשעמט און פארשטויסן פון די נאָענ־
סטע און טייערסטע. אָ, איך האָב דערפילט אז דאָס לעבן איז הארט
און שווער: מיין פאטער האָט מיך פון שטוב ארויסגעטריבן, בין
איך פאר א דינסט אוועק, האָב איך זיך צו דעם ניט אויסגעטויגט.

אויף די באַלעבאַטים האָבן מיך רוען ניט געלאָזט. מיין זון, מיין צוקונפטיקן זון, האָבן זיי באַלידיקן געוואָלט... און עפּעס אַן אומפאַר־שטענדלעכע קראַפט האָט מיך אָף די פיס געהאַלטן. איך האָב גע־זוכט אַרבעט בא וואָס ניט איז, נאָר מיין צושטאַנד האָט מיך פאַראַטן. פיר מאָנאַטן האָב איך זיך אַרומגעוואָלגערט, וואו געטאָגט ניט גע־נעכטיקט, ביז איך האָב מיך אינטערנירט אין אַ שפּיטאָל, אין דער מוטערשאַפט אָפּטיילונג.

אָפּעליאַ האָט אַריינגענומען דאָס פּאַנעם אירס אין די הענט און, ווי ווייט אירע פאַרטרערטע אויגן האָבן דעמאָלס געבלאָנדזשעט! אַזאַ מילדע רואיקייט האָט דאָס פּאַנעם אירס באַלויכטן, זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּאַנעם צו מיר און ערנסט, קימאַט בעטנדיק פאַר־געזעצט:

— מאַמיטאַ, מאַמיטאַ קערידאַ, ווען דו ווייסט ווי שיין, מיין לואיס איז! שיין ווי די גאַנצע וועלט! דער פּאַטער!... דער פּאַטער ווי איין מענטש!.. ווי שיין, ווי שיין לואיסיטאָ איז!... און קלוג איז ער, די מאַנירן זיינע, גאָט מיינער! איינגאַנצן דער פּאַ־טער!..

ליבסטו נאָך דעם פּאַטער פון דיין קינד, אָפּעליאַ, טאָכטער מיינע?

— ליב?... איך... אָ... איך ווייס ניט!... אָבער, מאַמיטאַ ער איז דאָך ניט אַזוי שלעכט ווי דו מיינסט! ער האָט דאָך מיר די גאַנצע צייט אַרומגעזוכט, ער איז אין שפּיטאָל געקומען מיר פאַרגעשלאָגן מאַטעריעלע שטיצע... אָבער ניין. מאַמיטאַ, איך האָב דאָס אים גלייך צוריקגעוויזן... אויך איצט שיקט ער מיר בריוו. ער וויל דאָס קינד אַנערקענען, נאָר מיך, מיך מאַמיטאַ, — ניט! אַזאַ קאַנאַליע, אומגליקלעכער! פאַרשאָלטענער מענטש!

זי איז שטיל געבליבן. איר פּאַנעם האָט אויסגעדריקט ליידן, די נאָזלעכער האָבן געציטערט, די ליפּן ווייס ווי קרייד, האָבן אומ־באַוואוסטזיניק געשעפּטשעט:

— אָבער פאַרוואָס, פאַרוואָס ווילט זיך אַזוי שטאַרק ריידן פון אים?... פאַרוואָס מאַמיטאַ קערידאַ, ווילט זיך פון אים ריידן?...

ניין, ניין, מאַמיטאַ, איך ליב אים ניט, איך שווער דיר

בא דער הייליקער פון לוכאן, איך האָב אים צום טויט, איך וועל מיין זון אליין דערציִען, ארבעטן טאָג ווי נאכט בא דער מאשין, אים פאר א גרויסן, פאר א גרויסן מענטשן אים מאכן! זאל ער זען דער טאטע זיינער, אז איך פרויען האָבן אין זיך שטאָלץ און ווירדע... זאל ער זען וויפל קארבאָנעס א פרוי ברענגט פאר דער ליבע.

דער אוונט איז געווען א קילער. דער הימל טונקל און אָנגערוקט איין וואלקן אפן צווייטן, האָט דורך די פענצטער א טעמפן אומעט איבער די סאלעס אויסגעשפרייט. פון צייט צו צייט זיינען די כמארעס פארשוואונדן און א בלייך שטיקל הימל האָט מאט ארייננגעבליקט אין סאלע ארײַן, האָט דאָס טויטע גויסעסדיקע אויסגעמוטשעטע פאָנעם פון א קראנקער, אונדזערע א שכיינע, עטוואס באלויכטן. פון די געשלאָסענע ציין האָט א שמאָל רינגעלע מאטעריע זיך געצויגן... די אויגן איבערגעקערט און וויים, אזוי שוין עטלעכע טאג ווי זי מוטשעט זיך שוין מיטן טויט.

איך זעץ מיך אויף אין בעט און קוק איבער די סאלע. איך נעם דאָס טעפעלע מילך אין די הענט. מיינע אויגן רייסן זיך ניט אָפ פון דעם גויסעס. שווער איז צו שטארבן אין א שפיטאָל... אָפעליא רוקט א פיר דעם קאָפ אירן פון דער קאָלדרע, די אויגן צעשראָקן, דאָס פאָנעם בלייך און מיד.

— מאמיטא, מאמיטא, איך האָב מוירע... הערסט מאמיטא, ווי זי כאָרכלט?... איך שרעק זיך, מאמיטא קערידא.

— שלאָף אָפעליא, מאַך זיך ניט נאריש, ביזט שוין מער קיין קינד נישט!...

— אָבער מאמיטא, מאמיטא! — האָט זי בארויגעז דעם קאָפ אונטער דער קאָלדרע ארונטערגערוקט און געוויינט.

איך גיי אראָפ פון בעט, גלעט אירע האָר, זי ציטערט:

— מאמיטא, נעם מיך צו דיר אין בעט... איך בעט דיך, מאמיטא, איך שטארב פון שרעק!

— אָבער, אפעליא, טאָכטער מיינע, מיר זיינען דאָך אין שפיטאָל...מען טאר ניט... מען טאר ניט, קינד מיינס קליינס.

— מען טאר ניט? פארוואס, מאמיטא? מיר זיינען דאך פרוי־ען!..

— מען טאר ניט, מען טאר ניט, אפעליא, פארשטייסט צי ניין?!...

איך גיי צוריק אף מיין בעט. א ווײַלע הערשט א מארע - שכוי־רעדיקע שטילקייט.

באלד אבער איז אפעליא פון בעט ארונטער, און איילנדיק גענומען רוקן דאס בעט אירס צו מיינעם:

— איך האב מוירע, איך קען ניט זען ווי מענטשן שטארבן, איך קען ניט, איך קען ניט, מאמיטא! — האט איר קליינער דארער קערפער אינגאנצן געציטערט.

— איך בין ווידער צו איר צוגעגאנגען, געפרואווט אף איר ווירקן. זי האט זיך איינגעקלאמערט מיט אירע הענט ארום מיין טאל־יע, אירע אויגן האבן אויסגעדריקט די העכסטע פארצווייפלונג.

— נעם מיך, מאמיטא, צו דיר, האב ראכמאנעס!

איך זיץ שוין ווידער אין בעט. אפעליא קלאמערט זיך אין מיר, ציטערט, ס'קלאפט איר א צאן אין א צאן. מיין רעכטע האנט נעמט זי אינגאנצן ארום:

— נו, שווייג זיי רואיק, אפעליא, קיינער טאר ניט וויסן אז דו ביסט נעבן מיר.

א ווײַלע זיינען מיר ביידע ווי צונויפגעגאסן אומבאוועגלעך געזעסן. אפעליא הויבט אן דרימלען, איך שפאר אן דעם קאפ אירן אף מיין הארץ, טוט זי צו מיר א רואיקן בליק, קלאמערט זיך שטארק, שטארק צו מיר. איך נעם ווידער די מילך מיינע צום מויל, עפנט זי די האלב דרימלענדיקע אויגן.

— מאמיטא, איך וויל אויך מילך, גיב מיר אביסל פון דיין מילך!

— מען טאר ניט... איך קען ניט אפעליא, ווילסט, גיי איך אין קיך, וועל איך דיר מילך ברענגען?

— און פארוואס ניט פון דיין מילך?

— אפעליא! עפשער, עפשער וועל איך דיר אויך אן אומגליק ברענגען?... האסט דאך מוירע פארן טויט, דו נאריש מיידל!

— וואס פאר אן אומגליק?

יאָ, אָפעליא, עפשער, עפשער?... פאַרשטייסט, קינד נאַריש, דו ביסט אַן אקשן און פארטיק...

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון מיין ברוסט. אירע פאַר־טרערטע אויגן האָבן אויסגעדריקט אומבאשרייבלעכן שרעק:

— מאמיטא, מאמיטא קערידא, — האָט זי מיט א דערש־טיקטן אטעם געמורמלט — לאז מיך טרינקן פון דיין טאסע, לאז מיך, די הייליקע פון לוכאן וועט אונדז ביידע באשיצן...

— און אז ניט, אָפעליא?

— וויל איך מאמיטא, שטארבן מיט דיר...

זי האָט זיך אויפגעזעצט, גענומען דאס טעפעלע מילך אין אירע הענט אריין, איך האָב צוגעבויגן דעם קאָפּ צו אירן. בא דער טונקעלער אָפּשיין פונעם בלייכן שטיקל הימל, האָבן מיר דויט־לעך געזען ווי אונדזערע טרערן האָבן זיך האסטיק געקייקלט אין טעפּל מילך אריין, צונויפגעגאסן, ווי זיי וואלטן פון איין קוואל גע־קומען...

גליק

שטענדיק אראפגערוקט אף דער מיט פון בעט, שטעקט א־פיר דער קאָפּ פון אונטער דער ווייסער דעקע. דאָס פּאנעם — קינדיש, קליין, אויסגעצערט און בלאס. די אויגן — טונקל ברוין, מילד, מיט א קוים באמערקבארן ליידנדיקן שימער. די שוואַרצע געדיכ־טע האר צונויפגעדרייט אין קודלעס, א פלאָנטער פון פלעכטלעך, פון לאנגען ניט קעמען זיי. אינמיטן פון שרונט, שיטן זיך ווייסע שטיקלעך ברוד, באשנייען דעם שווארצן פלאָנטער.

די הענט — געל, רויטלעך און דאר, ווי שפּיזלעך ליגן אומ־באוועגלעך אף דער ווייסער דעק, די פינגער וואס זיינען רויט, ווי צוגעקוועטשט און אויסגעדרייט אף לינקס באוועגן זיך קוים. שוין

צוואנציק יאָר ליגט זי אזוי א געליימטע, א זעכציק - יאָריקע סיפּי־ליטישע פרוי.

— האָט איר עמיצן אין ארגענטינע?

— ניין, קיינעם... ענטפערט זי רואיק געמיטלעך — אָבער איך בין גליקלעך. נאָך וואס זאל דער קאָפּ דארן פאר קינדער, צו וועלכע מען קען קיין מוטער ניט זיין. מיינע שוועסטער און ברי־דער זיינען שוין לאנג אויסגעשטארבן. בלויז איינע א שוועסטער פון זיבעציק יאָר קומט פון צייט פון צייט, קויפט מיר אלץ פארן ביסל געלט דעם אפגעשפּארטן. עס טוט זיך אמאָל א קלער... אָבער ווער ווייסט ווער פון אונדז וועט פאַרויס שטארבן.

— האָט איר קיינמאָל באגערט צו הייראטן, פילן דאָס גליק פון ליבע?

— און אז באגערט איז וואס? יונגערהייט געכאלעמט פון ליבע און גליק. שפּעטער האָב איך געזען ווי די פארהייראָטע פרוי ווערט א שקלאַף. דעם מאנס א שפּילצייג. מעג ער אפילע דער בעס־טער זיין... איך בין געוועזן א לערערן. גוט פארדינט. איז נאָך וואס פארשקלאפן זיך? דער גענוס פון זעלבשטענדיקייט האָט איבערגע־שטיגן מיינע אלע אנדערע פארלאנגען .

— און דאָס לעבן דאָ איז גארניט אזוי טרויעריק, שטארבן וויל דאָך קיינער ניט — זאָג איך איר.

— געוויס, וויל קיינער ניט שטארבן! — האָט זי זיך אזש א וואקל געטאָן. — דאָ עסן מיר. מיר שלאָפן, און דארט, וואס? ניט לאנג האָט מיך אונדזער געוועזענער הויז דאקטער אונטערזוכט. „ביז זיבעציק יאָר לעבן אזעלכע קראנקע, ווי איך"— האָט ער מיר פאר־זיכערט, — און ביז זיבעציק פעלט נאָך געגוג, — האָט זי א גליק־לעכן שמייכל געטאָן.

— איצט בין איך גליקלעך — האָט זי ווייטער גערעדט — אויסער א ביסל ווייטיקן פון הארץ און נירן, איז מיר שוין גאָר־נישט... אָט זיינען שוין די ביינער מיינע פארהארטעוועט... — זאגט דער דאקטער — איך קען זיך טאקע ניט רירן, אָבער קיין שטארקע ווייטיקן אין די ביינער ווי אין אנפאנג פון דער שלאפקייט פיל איך

ניט. איך בין בעעמעם גליקלעך, זינט די ביינער מיינע זיינען פאר־הארטעוועט געווארן.

באנאכט האָט זי אנגעהויבן ברעכן, געגאסן האָט זיך אין האלדז בא איר, ווי בא א שיקערן דער וויין. האָט א שכיינע אירע מיט הענט א פּאטש געטאן. איז אריינגעקומען די קראנקנשוועסטער. איר אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, וואס איז ווי א שטיק גיפּס צום קערפּער צוגעוואקסן: א גליק וואס דיין שכיינע האָט דערהערט, ווען ניט ווערס־טו דערשטיקט — האָט זי באמערקט.

— גאנץ פרי איז צו איר צוגעגאנגען דער ערשטער דאקטער. האָט אן ערנסטן קוק געטאן אף איר רויט געווארן און פארשוויצט געזיכט, האָט א מאך געטאן מיט דער האנט:

— א גליק וואס ביסט אזוי שטארק ווען ניט האלסטו דעם עקזאמען נישט אוים...

קוקט די קראנקע מיט אירע שוין באלד איבערגעקערטע אויגן צו יעזוסעם בילד:

— א גליק... א גליק... גאט זיסער, באשיצער פון די ארע־מע און געדעכטע...

דעם גאנצן טאג האָט זי געבראכן. פארגאסן די דעק מיט דער גרינער גאל.

באנאכט איז א קראנקע פארבייגעגאנגען איר בעטל און א ליארם אויפגעהויבן:

— זעט נאָר סארא גליק... ווי א הייליקע מיט די הענט אפן הארצן געשטארבן...

די קאמיזשערעס האָבן זי פון סאלע ארויסגעטראגן.

זאגט אן אנדער קראנקע:

— א גליק וואס יענע האָט זי דערזען טויט, ווען ניט, ליגט זי דא צווישן אונדז ביז אינדערפרי.

— טאקע א גליק, — כאפּן אונטער עטלעכע קראנקע מיט־אמאָל

גאנץ פרי, דער דאקטער קומט, טוט א קוק צום ליידיקן בעטל: סארא גליק — דאָס פאנעם זיינס האָט אויפגעלויכטן — א קראנקע מיינע ווארט דאָך שוין עטלעכע טעג אפן בעטל.

מיט צוויי שאַ שפּעטער פירט מען אריין אַן אַנדער קראַנ־קע.

אין איר גאַנצער לענג האָט זי זיך אפן בעטל אויסגעצויגן, צעגויפגעפּלאַכטן די טרוקענע הענט אפן האַרצן:

— אַ גליק, אַ גרויס גליק, וואָס מען האָט מיר אַ בעטל גע־שאַפן...

שולדיק זײַנען בלויז די פרויען

זי איז אַ טונקל ־ הויטיק בײַנעוודיקע דרײַסיק ־ יאָריקע פרוי. די אויגן — טונקל ברוין מיט אַ דערשלאָגענעם שימער. די ליפּן גראָב־לעך, ראָזע און טײַוועדיקע. דער מיטלוואוקסיקער קערפּער שטאַרק געבויגן. איין האַנט פליט באַ איר שטענדיק אין דער לופטן, ווי אַן אונטערגעריסענער פליגל פון אַ ווינט־מיל. די צווייטע האַנט האַלט זי קימאַט שטענדיק אף די קליבעם: דאָס האַלט זי זיך אַזוי צו אײ־נעם אײגענעם גוף קעדיי ניט אומצופאַלן.

געקומען איז זי פון די פּאַמפּאַס, איז שוין צוויי יאָר אין שפּי־טאָל: ניט מיט דער האָפענונג געזונט צו ווערן, נאָר פּאַשעט ווייל די עלטערן אירע האָבן ניט קיין געלט אף קיין באַן בילעט פאַר אירעט־וועגן: ליגט זי דאָ אין שפּיטאָל, רעוועט אסאך מאָל ווי אַ ניט דערקוילעטער אָקס אויס בענקשאַפט, אָדער אויס אַנדערע מאָראַלי־שע ליידן.

זיצן מיר אין גאָרטן אף אַ באַנק, גאַנוועט זיך אונטער אַ מיידל פון אונדזער סאַלע, טוט אף איר אַ שפּריץ אַ ביסל קאַלטע וואַסער און אַנטלויפט — טויגעניכטס, קענסט דאָך ניט גיין אַפילע ווי אַ מענטש, איז וואָזשע באַכערסטו זיך דאָרטן פאַרן קוכער דעם בלינדן? אַ שיין פּאָרל, אַ בלינעדר מיט אַ ציטערדיקער מאַלפּע.

— נעמט זי אריין דאָס פּאַנעם אירס אין די הענט אריין,

דער קערפּער ציטערט ווי א שטיק כאַלעדעץ: גאָט מײַנער נאָך וואָס האָסטו באַשאַפן די פּרויען אַף דער וועלט?... גאָט און די הייליקע נאָך וואָס האָט איר זיי באַשאַפן די אומגליקלעכע?!...

— זי באַרואיקט זיך אַביסל, הויבט אויף די שטימע מיט צאַר פאַרגאַסענע אויגן צום הימל: — פאַרוואָס גאָט אין הימל שטראָפסטו מיך אַזוי? פאַר וואָ־ס?!...

— לואיסי — זאָג איך איר נאָך דעם ווי מיר זײַנען אַליין אין גאָרטן געבליבן — פאַרוואָס ביסטו אַזוי בייז אַף די פּרויען?...

פאַרוואָס איך בין אַזוי בייז — נעמט שוין די האַנט אירע צום פליען אין דער לופטן און דער קערפּער הוידעט זיך שוין, ווי א שיפל אין א רודער: — פאַרוואָס איך בין בייז פאַרגעסטו מיך, אז פאַרשאָלטן, פאַרשאָלטן זאָלן זיי ווערן, ווי זיי די מיעסע שקלאַפנס זײַנען שטענדיק די סיבע פון מײַנע צאָרעס... — נו, לואיסי, זיי ניט אַזוי עקסטרעם — פאַראַן זײַנען נאָך א פּאָר גוטע פּרויען אַף גאָטס ערד — פאַראַן, לואיסי, קענסט דאָך מיר גלויבן. אָט לעמאָשל — דו... און — איך... ניט עמעס לואיסי, אַז איך טו דיר קיינמאָל קיין שלעכטס נישט? — א עמעס, עמעס — בויגט זי אַרונטער דעם קאָפּ א פאַרשעמטע: — א וואונדער טאַקע צווישן — רוסאָס.

— א, אָבער פאַרוואָס אַזא קאַעס אַף די פּרויען? דערצייל מיר לואיסי אויב דו האָסט צו מיר צוטרוי.

לואיסי האָט זיך צוגעשאַרט צו מיר: — האַלט מיר צו די האַנט. אויב דו ווילסט איך זאָל דיר דערציילן און די האַנט אירע וואַרפט זיך נערוועז אין מײַנע הענט, ווי אן ערשט געפאַנגענער לעבעדיקער פיש.

— צוריק מיט צען יאָר — זאָגט זי אימפּעדיק — האָב איך כאַסענע געהאַט פאַרן שענסטן אינגל פון אונדזער שטעטל, פינף יאָר האָב איך קיין קינדער ניט געבוירן, האָט ער זיך מיט מיר געצאַצקעט ווי מיט א קליין קינד. מײַנע עלטערן, אָרימע ערד־אַרבעטער, האָבן א סאַך שטיצע פון אים געהאַט. אַפן זעקסטן יאָר נאָך אונדזער כאַסענע האָב איך א קינד, א שיין אינגעלע געבוירן, ער איז געווען מעשוגע פון גליק.

באלד אבער נאָכן קימפּעט האָב איך א שטארקע נערוון־דער־שיטערונג געקראגן, מיין קערפּער, ווי דו זעסט איז אינגאנצן צוזאמענגעבראכן געווארן. אלע זיינע באמיאונגען צו ראטעווען מיך זיינען אומזיסט געווען, האָט ער אריינגענומען... — און די האנט אירע ציטערט שוין וואס אמאָל שטארקער און די טרויעריק - פאדפּייניקטע בליקן צעצינדן זיך ווילדע קרענקלעכע פייערלעך: אָט, פון דענסטמאָל אן האָט זיך דאָס אנגעהויבן.

ניין, ניט געזען האָב איך ביז איצט אזא טרויעריק פאר־צווייפלטן בליק, אזא טיפע מענטשלעכע אומבאהאָלפנקייט און דער־שלאָגנקייט.

— זי האָט מיר מיין לעבן צעבראכן — רעדט זי ווייטער — צום ערשטן האָט זי מיך אטענדירט, געוואשן דעם הויף מיין דינסט געווען.

שפּעטער האָט זי אויך מיין מאן אין פּעלוקעריע*) צוגעהאלפן, געזען האָב איך ווי זי ביינדלט זיך דאָס צו דעם מאן מיינעם, נאָר ווער האָט דאָס אין אכט גענומען, עפּעס א צוויג... אן אויסוואורף, — קלער איך מיר, איז וואס איז ער שולדיק, וואס זי דרייט זיך ארום אים.

שפּעטער האָט מען מיך אריינגעשטופּט אין א קליין זייטיקן צימער, פינצטער און נאס איז דארט געווען, האָבן זיך די אנפאלן פארערגערט.

גאנצע נעכט בין איך א פיבערדיקע אפן בעט געלעגן, איינגעהערט ווי זיי שושקען זיך, מען רופט זיך מיט די צארטסטע נעמען.

גאנץ פרי האָט זי א שיינענדיקע מיר די קאווע דערלאנגט, זי איז צו מיר געווען פרעך און ברוטאל. איך האָב זיך געקלאגט פאר מיין מאן. האָט ער מיר געזאגט: אויב מיר לוינט ניט קען איך מיר גיין.

—ביסטו ניט געווען אייפערזיכטיק לואיסי — אייפערזיכטיק? ניין! אייפערן אף עפּעס אן אויסוואורף, וואס לאזט זיך אויסנוצן...

---

*) ראזיר הויז

זי האָט ער בלויז אויסגענוצט... און מיט מיר — כאַסענע געהאַט, אַ ביכל אַרויסגענומען! יעדער מאַן ווען ער וויל מעג ער אַ פרוי אויס־נוצן, פאַרוואָס אָבער איז זי צו אים געקראָכן? דער אויסוואָורף די פאַרשאָלטענע שלאַנג, אָך, ווען איך זאָל קענען די ציין מיינע אין איר אַריינשטעכן, אַזאַ שלאַנג אַן אומגליקלעכע, פאַרשאָלטן זאָל זי ווערן.

שפּעטער האָבן זיי מיר אַנגעהויבן שלעכטס צו טאָן, געפּייניקט ביז כאַלאַשעס, דאָס קינד האָט מען פון מיר צוגענומען, אים איינגעשמועסט אַז איך בין משוגע.

כ'האָב אַ גוואַלט אויפגעהויבן, האָבן זיי מיך געבונדן, טעג גאַנצע קיין עסן ניט געגעבן. שכיינעם פון דער קוואַדרע האָבן זיך דערוואוסט האָבן זיי דער פּאָליציי געמאָלדן. איך האָב פאַר דער פּאָליציי געלייקנט: — ער איז דאָך מיין מאַן!.. קען דאָס אַ געזעצ־לעכע פרוי איר מאַן אין טפיסע אַריינוואַרפן?... און וואָס איז ער נע־בעך שולדיק, אַז אַ פרוי אַן אויסוואָורף האָט אים פון גוטן וועג אַראָפּגעפירט.

— און דיינע עלטערן לואיסי האָבן געשוויגן? — נו, וואָס האָבן זיי געקענט העלפן, ווען די שלאַנג האָט אים אַ קישעוו אָפּגע־טאָן... זיי האָבן מיך מיטן קינד אַהיים גענומען, אויספּאַרקויפט דאָס לעצטע פון שטוב, מיך קיין בוענאָס איירעס אין שפּיטאָל אַריינגע־בראַכט, וואו איך וועל שוין מיינע אומגליקלעכע יאָרן אָפּפינצ־טערן.

— אָבער דו לואיסי וויין ניט, טרייסט איך זי — וועסט זען, ווי דיין מאַן וועט זיך מיט דיר איבערבעטן, דו ביסט דאָך פאָרט די מוטער פון זיין קינד.

— נו, געוויס, געוויס בין איך, ווער דען ,זי? אַז שטיינער זאָל זי אונטערן האַרצן טראָגן, ווי זי האָט פון אים אַ טעל געמאַכט... זאָל ער נאָר קומען, זיך אויסדרייען פון איר ע הענט, אָרעמער... אַלץ וועל איך אים מוחל זיין: ער איז דאָך אַ קאָרבן, פאַרפירט גע־וואָרן...

אָך, די פרויען אין אַלע צאָרעס אין דער וועלט זיינען נאָר זיי, די פרויען שולדיק!...

די יונגע מאמע

אלע אין סאלע שושקען זיך: סארא, שיינער, עלעגאנטער, דער מאן אירער איז! דערצו נאָך, שווארצע אויגן, מאניערן פון א גאלאן, און זי — קליין, מאָגער, דאָס בלייכע פּאנעם טריב, סענטימענטאל, ווי וויינענדיק. שוין זעקס מאָנאטן ווי זי ליגט אין שפּיטאָל מיט א רעוומאטיזם אין גאנצן קערפּער.

— אָבער וועך זיינען די דריי קינדער, וואס קומען מיט איר מאן? זי איז דאָך אליין א קינד און דערצו נאָך — א מיידעלע פון א יאר זיבן, אכט...

אָט די טעמע האָט דעם אוילעם רוען ניט געלאזט.

פרעגט מען זי אַמאָל וועגן די קינדער זיינען, שמייכלט זי:

— מיינע! קוקן ווייבער אפן טאוול, צופוסנס איר בעט: צוואנציק יאר אלט! מען קען בא איר דעם עמעס ניט ווייסן, א שלענגל איז דאָס. און בייז זיינען די קראנקע אף דעם יונגן ווייבל פאר דער אויפי־רונג דער שלעכטער... טרייבט זי דאָך אוועק דעם מאן אירן פון זיך... א קוש טון לאזט דאָס ניט... און ער — נעבעך! שלעפּט זיך מיט דריי קליינע קינדער פון אלדי שווארצע יאר...

איינמאָל זיץ איך בא איר אפן בעט, זע איך, ווי דאָס הארץ אירס ווייגט אין איר, דאָס מויל קרימט זיך ווייטיקלעך, די אויגן — פון טרערן פול.

— דו ביסט א גליקלעכע, — זאגט זי מיר מיט אן ארונטער געלאזטן קאָפּ. — שטענדיק לאכסטו. ניט קענטיק צי דו ביזט קראנק... א גליקלעכע פרוי ביזטו, פילסט גאר קיין שום ליידן ניט...

— און דו ליידסט? נאר איינע לאך אזוי ווי איך, כא כא כא!

— יאָ, זינדיקע, שלעכטע מענטשן שטראפט גאט! איך האָב געזינדיקט און דער פאר לייד איך...

— דו געזינדיקט? יאָ! נו, מאַך זיך נישט נאַריש, וועסט נאָך צייט האָבן פאַר דיינע זינד אָפּצוקומען.

— צייט האָבן, צייט האָבן, — שאָקלט זי פאַרביטערט מיטן קאָפּ — שטענדיק וועט שוין די פרוי אָפּ זיך די שולד פון אירע זינד טראָגן... ס'הייסט — מען וועט איר צו פיל געבן אָנצוהערן אַז זי האָט געזינדיקט. זי האָט געטאָן דאָס וואָס... וואָס... יאָ אַזוי איז דאָס שוין און אַזוי וועט דאָס שוין בלייבן...

זי בלייבט אַ ווײַלע שטיל און הויבט ווידער אָן:

— יאָ, באַ מײַנע צוואַנציק יאָר פיל איך שוין צופיל די ביטערקייט פון פאַמיליען לעבן, עפּעס אַ מין שקלאַפן אַ קעבן, אַ דינסט, וועלכער מען באַצאָלט קיינמאָל ניט פאַר איר אַרבעט, מען מאַכט מיט איר וואָס מען וויל... און דערצו נאָך... — אָך, אַז פרויען האָבן קיין סײַכל ניט, דאַרפן זיי קיין יאָרן אויך ניט... אָט קומט אַהער דער פּאַצעט מײַנער... דרייט זיך אָפּן קנאַפּל, ווײַזט דער וועלט ער וויל מיר אַ קוש טאָן און — האָבן האָט ער דריי אַנדערע אַ כּוח מיר: שפּילט גיטאַרע אָפּ די ביילעס... אין שטוב אַריין רופן קומען זיי... ווי שטאַרק איך האָס אים... אָן עקל, אַ מיעסקייט... עפּעס אַ געמיישעכץ... ווי לאַנג דען, ווי ער האָט מיך פון מײַן היים, פון פּריינט און אייגענע אַוועקגערויבט און איצט — אומפאַרשעמט זיינען זיי, וועלן זיי שקלאַפן ווערן, דיר צו די פיס פאַלן, לוינט ניט — איז אויס.

זיינען די קינדער דיינע? — פרעג איך זי, זעענדיק ווי זי בעט זיך מאַמעש איך זאָל זי עפּעס פרעגן.

— געוויס. און פאַרוואָס זאָל איך זיי פאַרלייקענען, ווען איך באַצאָל אַזוי טייער פאַר זייער וואוילזיין, פאַר זייער רו און באַקוועמלעכקייט. דער מאַן מײַנער, — רעדט זי שוין האַסטיקער, — איז געווען אַ פּעאָן*) באַ מײַנע זיידע און באָבע, ער איז געוועזן אַ שטילער, און אָרנטלעכער באַכער, האָט מען אים געטרויט...

אין די רעגנדיקע טעג האָט ער מיך אין דער שולע אָפּ די הענט זיינע געטראָגן. נו, אַ קינד געווען, האָט ער זיך געשפּילט מיט מיר... איז וואָס?... איך האָב דאָך אין די קינאָ בילדער און אויך הינטער דער

*) געהילפס אַרבעטער

וואנט פון אונדזער הויז אזויפיל כאסן־קאלע געזען זיך שפילן... ווען איך האב געזען ווי די כאווערטעס מיינע, די שול מיידלעך טאפן מיר עפעס דעם בויך, האב איך אים דערציילט, געבעטן ער זאל אנט־לויפן, ווייל מיין זיידע, א רייכער גוט־באזיצער, וועט אים אין די הענט פון דער פאליציי איבערגעבן. ער האט ניט געוואלט, אן ארנט־לעכער מאן — האט ער געזאגט — מוז אויך אן ארנטלעכער פאטער זיין.. און איך, ווי שטארק איך האב געוויינט, מוירע געהאט דער זיידע וועט שלאגן... מיך פאר דער פאליציי פארקלאגן... האט ער מיך גענו־מען, לאנגע קליידער אנגעטאן און אף א פערד רייטנדיק מיט מיר קיין בוענאס איירעס אנטלאפן... ווען מיין זיידע מיט דער באבע האבן צו וויסן געטאן פאליציי פון מיין פארשווינדן, האבן מיר שוין גע־האט ארויסגענומען א כאסענע ־ ביכל.. דער כועז*) פאר מינדער־יאריקע מיט נאך א ריכטער זיינען געווען איידעס און צושטימער צו אונדזער כאסענע.

מיט פיר כאדאשים שפעטער צום קינד געבוירן, בין איך גע־ווען אין גרוים געפאר... צוועלף מיט א האלבן יאר בין איך אלט געוועזן... האט ער געשיקט א טעלעגראמע צו מיין זיידן... הונדער־טערם האבן זיך פון אלע זייטן געשיט, די גרעסטע פראפעסארן האבן מיך באהאנדלט, נאר זיי אליין, זיינען ניט געקומען!... ברויגעז ארע־מע אלטינקע, פון פיצלווייז אן אף זייערע הענט דערצויגן געווארן... דאס געלט זייערס האט זיך פארענדיקט, האט ער אנגעהויבן גיין אין קלוב און אף ביילעס, אף ברויט פארדינען. דאס קינד איז געווען א שוואכס, אינגאנצן צעקרישלט, פונעם שווערן געבוירן, האט דאס דערקוטשעט, שלאפן ניט געלאזט. פלעגט ער פון דער ארבעט קו־מען, זידלען זיך און שרייען: ביסט א נאכלעסיקע, א פארלוירע־נע... גיי זע ווי ווייבלעך טאנצן און — הוליען... און דו — גאלע גארניט, איינע!...

מיין וויינען האט אים אויפגעבראכט און — איך, ווי שטארק איך האס אים... אלץ פאר קינדער!... דער זיידע, די באבע, קיין האנט

---

*) ריכטער

אף מיר ניט געלייגט און ער, דעספּאַט איינער, ער קומט נאָך דאָ קושן מיך... אומפּארשעמט זיינען זיי, די אויסוואורפן!...

איך בין אנטלאָפן צום זיידן. ווי שטארק זיי האָבן מיך גע־קושט און — געוויינט... מיין טעכטערל געוואָלט דערציען, פונקט ווי מיך. ווען מיין פאטער און מוטער זיינען געשטארבן. געקומען איז ער, האָט געוויינט, געבעטן: — איך וויל דאָס קינד לויט מיין פארשטאנד דערציען...

איז ער א גוטער פאטער? — האָב איך איר די רייד איבערגע־שלאָגן.

א פאטער? ניטאָ קיין בעסערער! מיך א היים גענומען, האָט אים דער זיידע א גוטע שטעלע אף דער אייזנבאן רעקאָמענדירט... פון דער ארבעט געקומען — האָט ער דאָס קינד געבאדן, געוואשן, זיך מיט איר ארומגעטראגן, ווי מיט א טייערן דימענט... אָט ווי דו זעסט האָבן מיר דריי קינדער אף דער וועלט געבראכט... ניטאָ נאָך אזא גוטער פאטער ווי מיין מאן.

— אויב אזוי דארפסטו אים טיילוויז די שלעכטקייט זיינע מוחל זיין און עפּעס אייפערסטו בלויז?...

— וואס אייפערן? — האָט זי זיך פון ארט א כאפּ גע־טאן — קיינמאָל! דאָ וואו איך פארנעם שוין קיין פלאץ ניט, מעג ער שוין זיי איינגאנצן געהערן.

— און פארוואס גייסטו נישט צום זיידן דיינעם?

— צום זיידן? און די קינדער?

מיט זיי! אָט זאגסטו דאָך, אז דער זיידע דיינער איז א רייכער מענטש...

— יאָ, א רייכער מענטש, עמעס. די ליבע אָבער, וואס מיינע קינדער האָבן פון דעם פאטער זייערן, וועלן זיי פון קיינעם נישט האָבן... וויל איך מיינע קינדער גליקלעך זען... ליבן ליב איך אים סיי ווי נישט, פארקערט, וואס מער ער שלעפט זיך ארום מיט די ווייבער זיינע, אלץ מער עקלט מיך פון אים... נישט מער, דער געפיל...

פֿאַרשטייסטו? צו דיר קומט מען מיט א שמוציק העמד, פֿאַרשמאַלצע־וועטע זאַקן און פֿאַר זיי — א ריינער, א יאַנטעוודיקער, מיט דער גיטאַרע אין די הענט! פֿאַרשטייסט וואָס דאָס הייסט פֿאַר א פֿרוי? נאַר, וואָס טוט נישט א מאַמע פֿאַר אירע קינדער!...

מיין לעצטער טאג אין שפּיטאָל

שוין עטלעכע טעג ווי איך בעט מיך באם דאָקטער ער זאָל מיך אויסשרייבן. — אירט מיר גלויבן? זינט מיין פרומע און אייפערזיכטיקע כאַווערטע איז אוועק פונעם שפּיטאָל, האָב איך מיך גענומען פילן מיט אן עמעס איינזאַם. מיין גאַנצער ביז דעמאָלטיקער קלאַגן זיך אַף איינזאַמקייט, האָט זיך מיר גענומען אויסדאַכטן ווי א ניט באַרעכטיקטער, א ניט אויפריכטיקער. — אַזוי שטאַרק — האָב איך מיר געטראַכט — האָט אָט די פריינטשאַפט פון דער שלאַנג, ווי אַלע האָבן זי גערופן, מיך באַהערשט, אַז זי האָט אַפּגעשטויסן אַף א צווייטן פּלאַץ די היים, די שלעכטע קינדער, וואָס פאָלגן ניט דער מאַמען און הענגען זיך אייך אַפן האַלדז מיט דער לויטערסטער ליבע, אַז אייך דאַכט זיך איר קענט זיי פאַר יעדער שלעכטקייט זייערער אַלע גלידער אויסקושן?... — איך האָב דאָ ניט וואָס צו טאָן, האָב איך באַשלאָסן.

דער דאָקטער הייסט ניט אַרויסגיין, ער ראָט מיך פאַרבלייבן אין שפּיטאָל ביז איך וועל געזונט ווערן, ער האָט אָנגעהויבן א באַהאַנדלונג, זאָגט ער, און ער מוז זי פאַרענדיקן. עס גייט אים, הייסט עס, אינעם עקספּערימענט. איך אָבער האָב שוין מיין עקספּערימענט פאַרענדיקט. מיין עקספּערימענט איז באַשטאַנען צו גיין זוכן א רו נאָך צוועלף יאָר טאָגיקער און באַנאַכטיקער שניידעריי, וואָס האָט מיין געזונט אויפגעפרעסן, פון א סוויווע, וואָס האָט מיך געפרעסן מיט סינע, לעמיי א אידישע טאָכטער און א שניידערס א ווייב זאָל לייענען ביכער... לעמיי מען נעמט אוועק די אכצנטע שאַ אַרבעט פון דער שניידעריי און מען גיט זי אוועק אַף פּוסטע זאַכן... און דער עקספּערימענט האָט באַוויזן, אַז אַנשטאָט רו, פאַרפאָלגט מיך דאָ די אומרואיקייט און אַז יענער גאַנצער הו - האַ פון יענער שטענדיקער

זארג און ערגערניש אין דער היים, איז א ליכטיקער און פריידיקער מאקעם מענוכע אנטקעגן אָט די ווייסע פיר ווענט מיט די עטלעכע און פופציק בעטלעך איבער וועלכע עס קנוילן זיך ניט בלויז קראנקע לייבער, נאָר די קראנקע וועלט פון דרויסן קנוילט זיך דאָ אף זיי, א פארשטיקטע, א ניט אויסגעלופטערטע...

און איך בין אוועק צו דער היים און צו דעם דרויסן, וואו די קראנקע וועלט לופטערט זיך כאטש.

אוועקגעגאנגען בין איך, אזוי צו זאגן, העלדיש ווי ניט א הילפלאָזע, נאָר ווי א העלפערן...

געפונען האָט זיך אין סאלע איינע א יונגע און סימפאטישע פרוי, וואס האָט געליטן פון אפטע היסטערישע און עפילעפטישע אַנפאלן. זי פלעגט זיך קאָרטשען אין שוידערלעכע קאָנוואולסיעס, א ווייסע שוים פלעגט איר זעצן פונעם מויל און די אויגן האָבן איר דעמאָלט ארויסגעשטאָרצט פונעם קאָפּ. אזוי לאנג פלעג זי זיך ווארפן און שרייען מיט ווילדע באנומענע קולעס, ביז די הענט פלעגן איר פארשטאָרצט ווערן און די פיס פלעגן בא איר ווערן ווי לאנגע דרענגלעך. דערנאָך פלעג זי אריינפאלן אין א שווערן שלאָף, וואס האָט געדויערט שאָען לאנג, צומאָל א גאנצן טאג. פון די אָפטע אַנפאלן איז איר דער קערפער געווארן ווי צונויפגעוואקסן, דער קאָפּ פארצויגן, ארונטערגעדרייט אף הינטן, די אויגן מאט, אויסגעלאשן און אפן פאנעם האָט גערוט א מידער אידיאָטישער שמייכל. דערצו האָבן איר געציטערט די הענט און בעשאאס גיין, האָט זי זיך געוואקלט, ווי א שוואכע קאטשקע. געוועזן טעג, ווען מען פלעגט זי מוזן האָדעווען ווי א קליין קינד, אזוי שטארק האָט מיט איר געווארפן. בא יעדן אנפאל האָבן זי באדינגט קימאט בלויז די קראנ־קע.

איינמאָל הער איך ווי דער דאקטער זידלט זי און שרייט אף איר זי זאל זיך שוין פארנעמען, זי האָט דאָ ניט וואס צו טאָן... די קראנקע האָט זיך געוועריט, זיך געבעטן מיט די אויגן ווי א הייד־מישע כייע און ס'האָט איר ניט געהאָלפן, האָט זי אויסגעבראכן אין א יאמערלעך געוויין. צום סאָף האָט זי זיך בארואיקט און האָט

אָפּגעלייקנט עפּעס אזוינס, וואס דער דאָקטער האָט איר פֿירגע־וואָרפֿן, וואס מען האָט דעם דאָקטער אַף איר אנדערצײלט. נאָר װיפֿל מאָל זי האָט געוואָלט זאָגן „נאָ, דאָקטאָר!", האָט זי זיך אזוי אנגעשט־טרענגט און אויפגערעגט, אז ארויסגעקומען איז בא איר: דאָ־אָ־אָ־ק־ק־ט־ט־טאָר! און אנשטאט „קאַביטאַ" — ק־ק־ק־קאַ־בי־ביטאַ! די קאַביטאַ (די אויפזעערן) איז גערירט געוואָרן און געפּרואווט בא־רואיקן דעם דאָקטער.

אזוי האָט זיך די סצענע איבערגעבאזערט עטלעכע טעג און לעסאַף איז זי פאַרבליבן. פון דעמאָלט אָן זיינען אירע אנפאַלן גע־וואָרן אָפטער. קיין מעדיצין האָט מען איר שוין נישט געגעבן און ניט געפּרואווט מער שטילן אירע שרעקלעכע ליידן.

אין די בעסערע טעג פלעגט זי ארונטער פון בעט און האָט גערן באַדינט אַלע קראַנקע, געטון ארבעטן, וואס אנדערע מיעסן זיך צו טון און איז געווען גליקלעך וואס מען האָט איר די ארבעט אנפאַר־טרויט. זי האָט געזוכט צו עמיצן זיך דערנענטערן, עמיצער זאָל איר שענקען א וואַרימען בליק.

דערציילט האָט מען מיר, אז זי שטאַמט ערגעץ פון דער פּאַמפּאַ, אירע צוויי שוועסטער און א ברודער געפינען זיך דאָ אין א מעשוגאים הויז, א יערושע אזא בא זיי, און אנגעשריגן האָט אַף איר דער דאָקטער, מאַכמעס ער האָט זיך דערוואוסט, אז מיט א שטיקל צייט פריער איז זי געוועזן אינטערנירט אין א צווייטער סאַלע און האָט דאָרט געשלאָסן קאָנטשאַפט מיט א קראַנקן און ווי נאָר איר איז אביסל בעסער געוואָרן איז זי אוועק וואוינען מיט אים. אהערצו, צו אים אין סאַלע, האָט זי געבראַכט די „אַסיסטענסיאַ פּובליקאַ..." זי האָט געזינדיקט... ניט קענען דער נאַטור, ווי איר זעט, נאָר קענען דעם דאָקטערס אנשטענדיקייט.

דער שעף האָט זיך צו איר באַצויגן אנדערש. ווען ער איז געקומען פון מאַר דעל פּלאַטאַ, האָט ער איר פאַרשריבן א מעדיצין, וואס האָט פאַרמינערט אירע אַנפאַלן און זי האָט זיך געפילט פאַר א נוצלעכן מענטשן. נאָר די עמעסע פירער פון די סאַלעס זיינען ניט די שעפן, נאָר די נידעריקע אַנגעשטעלטע, די הייליקע שוועסטער

און די אויפזעער — מעלוכעס גאנצע, זאגט מען, ווערן אזוי גע־פירט, אז דער פאליציאנט איז דארט דער איינגעלעבער מושל.

איז אט האט געטראפן, אז די אומגליקלעכע האט אפגעענט־פערט איינער א קראנקער, וועלכע איז א טאקיף אין סאלע — זי איז פראטעזשירט פון דער קאבא — אז זי זאל בעסער קוקן אף זיך.... האט יענע זיך אויפגעזעצט אינעם בעט, האט פאריסן דעם קאפ און זיך צעשריגן אף איר — די מיעסע אידיאטקע! מעשוגענע! מיט מיר זאלסטו זיך ניט טשעפען, ווייל איך קען דיר אויספאטשן די פיס־קעס!...

און באלד האט זיך דערהערט א גראב, פארשטיקט געוויין אז דאס בעטל האט זיך גערוקט ווי אף רעדלעך פון איר ציטערן. די ווייבער האבן זיך גענומען שושקען צווישן זיך און אלע האבן מיר געפילט, אז עפעס נייעס וועט שוין זיין...

צען אזייגער אינדערפרי איז די סאלע אין איין דערוואַרטונג. דער דאקטער דארף אריינקומען. די אומגליקלעכע רעוועט אף איר בעטל אזוי טעמפ, ווי א ניט דערשטאכענער אקס, זי ווארפט זיך, זי וויל זיך פארענטפערן און קען ניט. די אנדערע, די טאקיפטע, ליגט און פרייט זיך, אירע אויגן זיינען איצט קליין — איצט פאר־שטיי איך פארוואס מען זאגט אין אזא פאל: אייגעלעך — און אי־בערגעפולט מיט נעקאמע - פרייד.

זיי זיינען אריינגעקומען די דאקטוירים, מיטן שעף, וועלכן זיי גייען דאכט זיך נאך ווי געהארכזאמע שילער, מאכמעס... אזוי ליינט זיך עס לויגט זיך צו האבן א שעף און אים אונטערטעניק זיין... די קראנקע שטרעקט צו זיי אוים די הענט, מאכט מעשוגענע האוויעס, עפעס וויל זי ארויסריידן א ווארט און קען ניט, דערנאך קומט בא איר ארויס: דא־א־ק־ק־ק־ט־טאר! זיי קוקן אוועק פון איר און שפאנען גלייכגילטיקע לענגאוים דער סאלע.

באלד לויפט צו צו איר א דאקטער און שרייט אף איר ווילד און צארנדיק:

— שוין זאלסטו דיך פארנעמען פונדאנען! שוין! שוין! קיין מינוט זאלסטו ניט ווארטן!

באַ אַלע קראַנקע שטייען טרערן אין די אויגן.

עס גייען אַוועק נאָך פינף מינוט. די פרוי איז פאַרצווייפלט, די אויגן ווערן איר ווילד, זי קאַרטשעט זיך און רירט זיך ניט פונעם בעט.

איצט איז שוין צוגעלאָפן אַ צווייטער דאָקטער און האָט האַסטיק אַ ריס געטון פון איר די קאָלדרע מיט אַ קוויטש:

— קוים טוסטו זיך אַליין ניט אָן, וועל איך דיך אָנטון! שוין זאָלסטו פאַרלאָזן די סאַלע!

די אומגליקלעכע האָט זיך דערשראָקן, זי איז אַ נאַקעטע אַרונטער פונעם בעטל און גענומען זוכן אירע מאַלבושים.

אָך, ס'אַרא מאַלבושים זי האָט פאַרמאָגט! — נאָר די הענט און די פיס האָבן איר געציטערט און זי האָט ניט געקענט אַרויפשלעפן אויף זיך די אַלע צעריסענע טראַנטעס, וואָס זיינען געלעגן צעקנייטשטע אונטערן מאַטראַץ. איך בין געלעגן אויפן בעטל און ס'האַרץ האָט מיר געקלאַפט. איך האָב מיך געשראָקן און געפילט אַ בושה, אַ בושה פאַר דער מיעסקייט וואָס ווערט אויפגעטון פאַר מיינע אויגן, פון די „רעטער פון דער מענטשהייט". דער געפיל פון יוישער און פון נעקאָמע און די אַלע פאַלשע און רעכילעסניקעס.

איך בין אַרונטער פונעם בעט, האָב אָנגעטון מיין קימאָנאַ און זיך געלאָזט לויפן אַרויף, אין צווייטן עק סאַלע, וואו די דאָקטוירים זיינען געשטאַנען. נאָר באַלד בין איך שטיין געבליבן. עס ווילט זיך ניט באַליידיקט ווערן... און נאָך פון מענער... איך האָב מיך אַליין דערשראָקן פאַר זיך: מיש דיך ניט אין פרעמדע אַסאַקים!... פאַרנעם דיך פונדאַנען!... גליקלעכע שטראַלנדיקע בליקן פון די רעכילעסניצעס האָבן מיך געשטאָכן: מען וועט דיך אויך אַרויסטרייבן!... פאַרנעם דיך! — האָט מיר געקלונגען אין די אויערן אַ וואָרט וואָס וואָלט אומפאַרמיידלעך געזאָגט געוואָרן. איך האָב מיך אומגעקערט צו מיין בעטל און בין אַ ווײַלע געשטאַנען אומבאַוועגלעך, צעטומלט. נאָר באַלד האָט מיך עפּעס אַ שטויס געטון, איך ווייס נישט צי דער אומגליקלעכערס וואָיעזצו מיין אייגענער געפיל פון זעלבסטפאַרטיידיקונג: מען קען דאָך מיך אויך אַזוי פאַרשעמען און צעטרעטן. איך האָב

מיך שנעל אנגעטון און זיך געמאכט גרייט אין וועג אריין. איך בין איצט געווען דרייסט. איך גיי שפילן די לעצטע קארט! אָט גייען שוין די דאקטוירים. וואס נענטער זיי קומען צו מיר, אַלץ אויפגע־רעגטער, אַלץ נערוועזער בין איך און פול דערוואַרטונג... אָט איז שוין דער דאקטער בא דער טיר צום ארויסגיין און פארשפּעטיק איך איין סעקונדע, איז אַלץ פארלוירן. ס'הארץ קלאַפּט מיר, מען וועט מיך ארויסוואַרפן, גלייך מיט יענער... נאָר אונטערגעזאָגט האָבן מיר ווער־טער אַזעלכע ארויסגעלייענטע אדער געהערטע „שמיד דאָס אייזן ווי לאַנג ס'איז הייס!" אָדער ווי האָט דאָסטאָיעווסקי געזאָגט: באַשליסטו ניט אַפן אָרט, וועסטו קיינמאָל נישט באַשליסן...

ווען די דאקטוירים זיינען צוגעקומען צו דער טיר, האָב איך זיי פארשטעלט דעם וועג. א שטומע, האָב איך אויסגעשטרעקט מיינע הענט און זיי ארויפגעלייגט דעם שעף־דאקטער אַפן האַרצן. ער איז שטיין געבליבן. די דאקטוירים האָבן געקוקט מיט שטוינען.

איך פיל אַז איך בין בלייך, איך בין אויפגערעגט, נאָר די הענט נעם איך ניט אוועק פונעם דאקטערס האַרצן. ער קוקט אַף מיר ערנסט און לאָזט מיר קומען צו זיך.

פאַרוואָס טרייבט מען ארויס די פרוי? — האָב איך ענדלעך געקענט ארויסריידן.

דער דאקטער איז בלייך געוואָרן. ער האָט זיך באַלד באַ־הערשט און געזאָגט:

— אַף מיין לעבן האָב איך קיינעם נישט אָפּגעגעבן קיין כע־שבן... אין נאָך ווייניקער א קראַנקער... נאָר דו ביסט דרייסט, האָסט גוטע געפילן, וועל איך דיר ענטפערן: א קראַנקער דאַרף זיך נישט מישן צי דער דאקטער גיט גוטע אָדער שלעכטע נאָדלען!...

איך האָב אים געזאָגט, אַז די פרוי האָט דאָס ניט געזאָגט און אַפילע זי האָט דאָס געזאָגט, דאַרף מען נעמען אין אַכט איר גייסטיקן צושטאַנד, מען דאַרף זיך מיט איר ניט רעכענען... מיט טרערן אין די אויגן האָב איך אים געבעטן מען זאָל זי ניט ארויס־טרייבן.

— קענסט מיך ניט כווישער זיין אין קיין שום פּניעס, קיין זאך אַ כוח מענטשלעכקייט פאַרבינדט מיך נישט מיט איר, אויך ניט קיין נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט, זי איז אַ שפּאַניערן און איך בין אַ אידישקע...

ער האָט אַרונטערגעלאָזן דעם קאָפּ, איך האָב אויסגענוצט די שאָ פון ראַכמים און האָב אים דערציילט, אַז אין סאַלע איז אַ שטיקל „קאָנווענטיזשע", אַז דאָס איז אַן אַנגעפירטע רעכילעס פון דער אויפ־זעערנס אַ פּראָטעזשירטער.

ער האָט מיך אויסגעהערט, ער האָט געפילט, אַז איך נאַר אים ניט נאַר באַלד איז אַריין די אויפזעערן זי איז געווען בלייך און די אויגן האָבן איר געשאָסן מיט פייער. זי איז צוגעגאַנגען צום דאָק־טער און אים געזאָגט, אַז ער מוז שוין גיין אין „קאָנסולטאַריע". דער דאָקטער האָט זיך פאַר מיר אַנטשולדיקט:

— ביז שפּעטער — האָט ער מיר געזאָגט און איז אַרויסגע־גאַנגען פון דער סאַלע.

דאַנקבאַרע בליקן האָבן זיך צו מיר געצויגן. זיס איז גע־ווען דער גערעכטער זיג!

איך בין צוגעגאַנגען צו דער קראַנקער און האָב איר געפּרואווט באַרואיקן און איר זאָגן, אַז זי דאַרף שוין ניט גיין, נאַר מאָרגנע... אָט האָט די טעמפּע פרוי, וואָס האָט זיך ערשט געבעטן און געוויינט מען זאָל אָף איר ראַכמאָנעס האָבן, איז געשטאַנען אַ שטאָלצע, מיטן בינטל שמאַטעס אין די הענט און האָט זיך געבעטן מען זאָל זי אַרויס־פירן פונדאַנען, מען זאָל זי פירן אין אַ צווייטן שפּיטאָל. זי האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ האַנט און בעט מיך איך זאָל זי פירן, זי האָט מוי־רע אַליין אַ פוס צו שטעלן... אָף די אַרומיקע קראַנקע קוקט זי מיט אומצוטרוי ווי אַ געשלאָגענער הונט. זי דערלאַנגט מיר אַן אַדרעס — רופט זיך אַן צו מיר, אַ קראַנקע — האָט איר געגעבן אַן על־טערע איינזאַמע פרוי וואָס האָט זיך מיט אַ פאַר טאָג צוריק אויס־געשריבן.

איך לויף אַרויס צום דאָקטער. די אויפזעערן רעדט צו מיר

שטיל און ווייך: ער איז פארנומען... איך זאג איר, אז איך וויל מען זאל מיך אויסשרייבן...

זי גייט אוועק און קומט באלד צוריק:

— האָסט א דערלויבעניש אף צוואנציק טעג ביסט נאָך שוואך, מוזט נאָך בלייבן...

איך קום צוריק אין סאלע, נעם צונויף עטלעכע פעזעם צווישן די קראנקע און גיב זיי דער אומגליקלעכער, וועלכע ווייסט ניט וואס מיט איר טוט זיך. איך גיי און ברענג א קאָטש, וואס זאל זי אפ־פירן אפן אדרעס וואס זי האָט מיר געגעבן.

טייל קראנקע ציילעמען זיך. איך געזעגן זיך מיט זיי. זיי וויינען, מיר שטייען טרערן אין די אויגן.

פארוואס וויין איך? אויפגעוועקטע מענטשלעכע גוטסקייט האָט מיך גערירט? וויין איך וואס עס בלייבן אין דעם שפּיטאָל, אין דער פארמאכטער קראנקער וועלט, מענטשן, וואס וואלטן געקענט זיין אנדערע, פרייערע געזונטערע?

און אָט בין איך שוין אין דרויסן. איך אליין בין פריי. א פרייע וועלט. איך גיי אהיים, צו א היים פון ליבע און נויט, צו דער קראנקער וועלט, וואס שטייט כאָטש אין דרויסן, וואס לופטערט זיך, וואס זוניקט זיך און וועט געזונט ווערן.